YP 2617.85
1240
182
FROM THE INCOME
OF THE BEQUEST OF
LEE M. FRIEDMAN
HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
SEP 4 1964

# סביבה

פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

◈

א) פאַרווירטע באַגריפן ; ב) וועגן י. פּאַפּיערניקאָווס ליד
„ניט מיינע די וועלט"..........................ק. מאָלאָדאָווסקי

לידער ..................................................רחל קאָרן

אַליין (דערציילונג)........................................ יצחק באַשעוויס

לידער ................................................יעקב גלאַטשטיין

באַמערקונגען צו אַ פּראָבלעם........................................אהרן צייטלין

דער בלויער פויגל (פון דער פּאָעמע
„אלה תולדות אפרים")..............................אפרים אויערבאַך

אַ בריוו צו מיין זון (ליד)............................................מלך ראַוויטש

אחד העם — דער רעדאַקטאָר פון „השלח"
(שטריכן צו זיין מאָראַלער פּערזענלעכקייט)......................שמחה לעוו

אומעטיקע לידער.............................................יוסף רובינשטיין

האזינו — פאַרנעמט ; השמים — איר הימלען . . ............משה שטאַרקמאַן

לידער .................................................קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

געשטאַלטן בקיצור : א) ח. נ. ביאַליק ; ב) דוד רמז.......................ד. זכאי

צו דער באַנייאונג פון דער „סביבה"

◈

חשון, תשכ"א נאָוועמבער, 1960

נומער 1

נ י ו ־ י אָ ר ק , נ . י .

# פאַרווירטע באַגריפן

אויף נאָכקוקן דעם גאַנג פון די שטערן אין הימל פאָדערן זיך אַנדערע מכשירים ווי אויף אָפּוועגן אַ פונט צוקער. און אין דעם וואַקסן פון אַ זאַנג איז דאָ מער געטלעכער וואונדער ווי אין אויסבאַקן פון דער תבואה אַ לעבל ברויט. און אויף סיגאַרעטן זיינען דאָ מער אָפּנעמער, ווי אויף די לידער פון יהודה הלוי. און דער דאַוונער זאָגט זיינע תפילות שטילער ווי עס קלינגט אַ מעשענער גלאָק.

דאָס לעבן וואָלט געקומען צו אַ כאַאָס, ווען מען זאָל אָנווענדן די פאַר־קערטע מאָסן צו פאַרשיידענע זאַכן. דאָס פּאַסירט אין צייטן פון קאַטאַסטראָ־פעס. אַ שטורעם קען פאַרטראָגן אַ קינד פון אַ וויגל און אַריינוואַרפן אין אַ שטייג פון אַ לייב, און חתן־כלה שטייען אונטער דער חופה אויף אַ בית־הקברות אין דער צייט פון אַ מגפה.

מיר האָבן דורכגעלעבט אַ קאַטאַסטראָפע און אונזער לעבן איז געקומען צו אַ כאַאָס. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט אַז עס דאָ אַ כאַאָס אין אונזער קולטור־לעבן, און די אידישע ליטעראַטור ראַנגלט זיך אין דעם כאַאָס.

עס וואָלט געווען צו גרינגהאַרציק און אפשר פשוט טעמפּ צו זאָגן, אַז דער אָדער יענער איז „שולדיק”. דאָס גאַנצע לעבן אונזערס ראַנגלט זיך נאָך אין רעטונגס־גאַרטלען, און עס איז שווער צו זוכן שלמות, האַרמאָניע, ווען מען כאַפּט זיך צו אַ רעטונגס־גאַרטל. די אידישע ליטעראַטור ליידט איצט אַמשטאַרקסטן דערפון, וואָס עס זיינען צעשליידערט געוואָרן אירע מאָסן, און זי ווערט אויפגעפּאַסט לויט באַגריפן וואָס געהערן ניט צו איר „סיסטעם”, צו איר עצם.

מיט ברויט מוז מען זיך באַזאָרגן טעגלעך. דאָס איז די אומבאַדינגטע פאָדערונג פון דעם געברויך, ווייל ברויט שימלט. אָבער עס איז פאַראַן ביי אונז דער באַגריף פון לחם הפנים, דאָס ברויט וואָס איז געלעגן אין בית־המקדש, דער סימבאָל פון אַ באַשטענדיקייט, דער אויסגעלייטערטער באַגריף פון ברויט, וואָס צו אים פאַלט ניט צו קיין שימל.

מען מוז אָנצינדן אַ ליכט אין אָוונט צום געברויך, און ווען מען דאַרף עס ניט מער, פאַרלעשט מען עס. אָבער עס איז דאָ ביי אונז דער באַגריף פון נר תמיד — דער סימבאָל פון ליכט וואָס איז באַשטענדיק, וואָס מען לעשט אים ניט אויס.

עס איז כדאי צו באַמערקן ווי דאָס פאָלק אונטערשיידט צווישן פאַרביי־לויפנדיקע דערשיינונגען, וואָס שימלען און טריקענען און פאַרגייען, און צווישן אַזעלכע, וואָס זיינען אין זייער עצם, אין זייער טבע־לכתחילה ניט אונטערגעוואָרפן אונטער די מילשטיינער פון טאָג. עס איז פאַראַן מים — וואַסער, און עס איז דאָ מים חיים, דאָס וואַסער וואָס פליסט פון אַ קוואַל, וואָס עס האָט מקורות.

דאָס קינסטלערישע שאַפן ביי אַלע פעלקער, און ביי אידן איבערהויפּט, שטייט אונטערן סימבאָל פון באַשטענדיקייט. דאָס איז ניט פון היינט אויף מאָרגן, אָדער ביז מאָרגן. דאָס איז אַפילו ניט פון היינט אויף שטענדיק. דאָס איז בכלל אויסער דעם באַגריף פון „היינט”. און בלויז מיט די מאָסן פון אויסער דעם באַגריף פון „היינט” קען מען אַ ליטעראַטור מעסטן — און איבערהויפּט ביי אידן.

צוליב אַ סך סיבות, לאָמיר זיי אָנרופן אין אַלגעמיין, געשיכטלעך־



עמאָציאָנעלע, זיינען אידן אַ פאָלק פון שירה — אַ פאָלק וואָס לעבט מיט היכער פּאָעטיק (ריידנדיק אויף אונזער מאָדערנעם לשון). מיר זיינען אַן אַלט פאָלק און פון דערפאַרונג ווייסן מיר וועלכער קוואַל עס טריקנט, און וועלכער עס איז מים חיים.

ווען גאָלדע מאיר — מען קען זי אָנרופן אונזער היינטצייטיקע דבורה — איז געקומען פאַר די פעלקער פון דער וועלט ריידן צו זיי וועגן דעם ענין אייכמאַן, דעם שפּליטער פון גיהנום־ענין — האָט זי אויפגעהויבן פאַר זיי אַ שורה פון חיים נחמן ביאַליק, ווייל ער האָט געגעבן די עסענץ פון מאָראַל, און דערנאָך איז זי אַוועק מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק און האָט פון דאָרט אויפגעהויבן די שירת אמונה פון אני מאמין. דער אני מאמין איז ניט אַלט־געבאַקן געוואָרן פאַר די אַכט הונדערט יאָר וואָס דאָס איז אַלט, און חיים נחמן ביאַליקס „נקמת דם ילד קטן עוד לא ברא השטן” איז נישט אויסגעוועפּט געוואָרן אין די קרוב זעכציק יאָר וואָס דאָס איז אַלט.

די ווערק פון קינסטלערישן שאַפן זיינען די אויסלייטערונגען אויפן פיל־דורותדיקן טורעם פון פאָלקס־זכרון. דער טורעם ווערט ניט פאַרפלייצט פון די טרויעריקע פאַרפלייצענישן און די אויסלייטערונגען פאַרשווינדן ניט אין די ביטערע שרפות. אָט די מאָס, די מאָס פון געשיכטלעכן אויסדויער, איז די אייגנטלעכע מאָס פאַר ליטעראַטור.

געוויס קען מען זאָגן, אַז ניט יעדעס ליד וואָס ווערט אָנגעשריבן איז אַ „לכה דודי לקראת כלה”, און אַז יעדע דערציילונג וואָס ווערט אָנגעשריבן מוז מען לערנען אויף אויסנווייניק, אָדער אַ ראָמאַן איז בבחינת והגדת לבנך — אַז קינדס־קינדער וועלן אים לייענען. קיינער ווייס ניט ווער עס האַלט די זיפּ פון דער אייביקייט, די זיפּ וואָס קלייבט איבער דאָס גוטע, דאָס בלייבנדיקע, און וואָס שיקט אַוועק מיטן ווינט פון דער צייט, די פּלעווע, דעם טרוקענעם שטרוי וואָס ווערט פאַרלאָרן. אָבער היות ווי מיר ווייסן ניט ווער עס האַלט די זיפּ און וואָס עס זיינען אירע אויסוואַל־געזעצן, — איז לאָמיר ניט זיין די בלינדע טוער וואָס וואַרפן אַרויס דעם שטרוי מיט די קערנער צוזאַמען. און דאָס ווערט בפירוש מיטן גרעסטן לייכטזין געטאָן אָט איצט אין אונזער כאַאָטישער צייט. און ווער עס האָט נאָך אויגן און אויערן זעט עס, און הערט עס, און וואונדערט זיך: מה היה לנו? וואָס איז געשען מיט אונז? מיטן אַזוי־גערופענעם עם הספר?

מיר הערן אָפּט און פון אַלע זייטן בעל פּה און אַפילו בכתב דאָס ווערטל וואָס איז שוין כמעט געוואָרן אַ מטבע, און גייט איבער פון האַנט צו האַנט, און האָט אָנגענומען אויף זיך אַ סך אומריינקייט, ווי יעדע זאַך וואָס גייט איבער פון האַנט צו האַנט: „מען דאַרף ניט קיין לידער. דער לייענער וויל זיי ניט”. און דאָס ווערט געזאָגט, אָדער אַפילו געשריבן, מיט אומשולדיקער זאָרגלאָזיקייט, מיט אַ מין קינדערשן העצקען זיך איבער ענינים וואָס זיינען דאָס ווערטפולסטע אין גייסטיקן אויסדריק פון אַ פאָלק.

וועל איך זיך ניט אָננעמען די „קריוודע” פון לידער. זייער גאָלדענער כוס — אויב זיי זיינען דאָס ווערט — וועט ניט טונקל ווערן אין גן עדן. איך וועל זיך אויך ניט אָננעמען די קריוודע פון די מחברים. לא לחכמים לחם האָבן שוין געזאָגט עלטערע און בעסערע פון מיר, און איבערהויפּט אין אַ צייט פון צעשליידערטקייט. און עס שאַדט נישט אויב אַ מחבר מאַטערט זיך אַביסל. דאָס גייט אַריין אין עצם פון זיין באַרוף. אַ ליד איז נישט קיין ביליקע סחורה. עס קען גאָר זיין אַז כדי שאַפן אַ ליד דאַרף ביים מחבר געמינערט זיין אַ ריפּ. די געשיכטע פון ליטעראַטור און אירע

שעפער קען ברענגען צו דער מסקנה. איך מיין, אָבער, אַז מען וואָלט באַדאַרפט זיין אָפּגעהיטער און אפשר האָבן מער אָפּשיי פאַר אידן און ניט אַריינשרייבן דעם גאַנצן סכום אידן בראשו ורובו אין דער „חברה עם־הארצ׳ים" און טעמפּע נשמות וואָס דאַרפן ניט מער קיין שירת ישראל, וכיוצא בזה. מען האָט דאָך אונז פון דור־דורות דערצויגן אויף אויסדערוויילטע שורות פון געזאַנג. מיט דעם האָבן מיר אָנגעהויבן אַ קבלת שבת און מיט דעם האָבן מיר באַוויינט אונזער תשעה באב.

דער כאַאָס פון אונזער צייט האָט אַרויפגעבראַכט שוים אין אונזער קולטור־לעבן, און מיר דאַרפן רייניקן אונזערע הייפן און אונזערע הייזער. עס איז צום וויי־באַוואונדערן מיט וואָס פאַר אַ צעשטערונג־אימפּעט עס קייקלען זיך די לייכטע ווערטלעך, די בלעכענע מטבעות און מאַכן אַוועק אָן אַ זייט דאָס בעסטע וואָס מיר האָבן אין אונזער קולטור און שאַפונגס־טראַדיציע.

אונזער דעת הקהל איז אַ פּאַסיווער. אונזער משכיל (און מיר האָבן נאָך אַזעלכע), אונזער איידלסטער לייענער, דער מענטש מיט געשמאַק (מיר האָבן נאָך אַזעלכע) פילט זיך דערשלאָגן אין דעם כאַאָס. עס קען זיין אַז ער טראַכט: והמשכיל בעת ההיא ידום (דער משכיל דאַרף אין אַזאַ צייט שווייגן). מען גיט אַרויס ווערטלאָזע ביכער און מען דערקלערט זיי פאַר „ווערטפולע", והמשכיל בעת ההיא ידום. שווייגט ער.

עס איז קיין צווייפל ניט, אַז דער כאַאָס דריקט אַראָפּ אונזער קולטור־אַטמאָספער און מאַכט זי טאַקע אויפנעמבאַר פאַר די בלעכענע מטבעות.

עס איז אַ קנאַפּע פרייד צו באַטראַכטן די מאָסן מיט וועלכע מען באַ־האַנדלט די אידישע ליטעראַטור. אונזער לייענער איז ניט גרויס אין צאָל (אפשר מער ווי מען מיינט, אָבער ניט צו גרויס). אָבער צוליב דעם וואָס עס זיינען דאָ ווייניק באַוואונדערער פון אַ זונאויפגאַנג קען מען פונדעסטוועגן ניט זאָגן אַז מען וועלגערט דאָרט אַ בלאַט לאָקשן. אָבער מיר האַלטן דערביי.

אין אונזער צייט איז די אידישע ליטעראַטור, און אפשר אויך דער אידישער שרייבער, אַ מין שומרי החומות, וואָס ראַנגלט זיך מיטן כאַאָס, און שטייט אָפּצוהיטן די שפּראַך און דאָס אינערלעכסטע פון אונזער מהות. איך וועל בלויז נעמען איין ביישפּיל: דער דיכטער י. י. שוואַרץ האָט אין אונזער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט אונזער מיטלעלטערלעכע פּאָעזיע. בלויז דורכדרינגען אויף צו איבערזעצן איין ליד פון, לאָמיר זאָגן, שלמה אבן גבירול מיט זיינע פאַרגלייכונגען פון יענער צייט, מיט די רמזים, מיטן אָנלענען זיך שפּראַכלעך און געדאַנקלעך אויף די כתבי הקודש, מיט דער אייגנאַרטיקער „אפּיקורסות" וואָס איז דאָ ביי אים, — בלויז צו איין ליד געפינען דעם אַנטשפּרעכנדיקן אידיש און ברענגען עס אין גייסט פון אבן גבירול — איז אַ גרויסע אַרבעט. עס פאָדערן זיך אויף דעם היפשע דיכטע־רישע מעגלעכקייטן חוץ גרויסן וויסן און חוש פאַר צייט. האָט י. י. שוואַרץ אַריינברענגענדיק די מיטלעלטערלעכע פּאָעזיע אויפגעטאָן אַ גרויסע דיכטע־רישע אַרבעט. ניט יעדערער קען זיך פאַרמעסטן אויף דעם. דאָס וואָלט געווען אַן אויפטו פאַר אַ גאַנצער אינסטיטוציע און געטאָן האָט עס איין מענטש, אַ דיכטער. פאַר „ביכלעך" פון קלענערן ווערט האָט מען געמאַכט מער באַמיאונג אויף ברענגען צום עולם — ווי פאַר דעם אויפטו. דאָס איז דער טייטש פאַרווירטע באַגריפן.

מען דאַרף טראַכטן, אַז עס איז וויכטיק אין דער אידישער ליטעראַטור (מיט מער אָדער מיט ווייניקער לייענער) איינצושטעלן אירע געהעריקע מאָסן.



## וועגן י. פּאַפּיערניקאָווס ליד „ניט מיינע די וועלט — — —"

דער באַשאַף וואָס רופט זיך אָן פּאָעזיע — איז וועלט־דערגענצונג. דער מענטש האָט פאַרזוכט פון עץ הדעת, אָבער ער האָט פאַרשפּעטיקט צו פאַרזוכן פון עץ החיים, פעלט אים די דערגענצונג וואָס ער האָט איבער־געלאָזט ערגעץ אין גן עדן. די פּאָעזיע זוכט אייביק אָט דאָס בלעטל פון עץ החיים. דעם פּאָעט איז ענג אין דער באַגרענעצטקייט פון זיינע חושים און ער ברעכט זיי דורך מיט נייע עמפינדונגען. עס איז אים ענג אין דער שפּראַך און ער שאַפט נייע ווערטער. ניט פון וואוילטאָג טוט ער דאָס, נאָר אין אַנגסט פון זוכן, אין אויפּעטעמען אַ נייעם אויסדריק פאַר אַ געפיל וואָס געוועלטיקט איבער אים. און עס טרעפט אַמאָל אַז ער הויבט אויף די איינפאַכסטע ווערטער און מיטן גלי פון זיין אַנגסט דערהויבט ער זיי צו אַ העכערער אויסטייטשונג. די בעסטע לידער צייכענען זיך אויס מיט דעם געשוועב פון זוכן, פון קומען צו אָט דעם פאַרהוילענעם וואָס מיר האָבן נישט דערגרייכט פון סאַמע בראשית אָן.

אַ סך בלאָנדזשענישן ווערן געמאַכט אויף דעם קיינמאָל נישט אויס־געטראָטענעם וועג, און אין די בעסטע לידער שטייגט מען אַרויף צו דעם ווידוי, אַז מען קען אַהין ניט קומען. בקיצור: „מיטב השיר כזבו" — די אומגעהויערע אַנטוישונג אָדער אויסדאַכטונג וואָס דער משורר האָט עס אָנ־גערופן „כזבו".

עפּעס פון דעם מין פּאָעטישער אַנטוישונג איז דאָ אין י. פּאַפּיערניקאָווס ליד וואָס ער האָט מיט אַ צייט צוריק אָפּגעדרוקט אין „די גאָלדענע קייט":

ניט מיינע איז די וועלט און ניט מיינס איז דאָס לעבן וואָס כ׳לעב.
ניט מיינע די וועגן אויף וועלכע איך וואָגל אַרום.
ס׳איז מיינער דער קוואַל פון דעם טרויער פון וועלכן איך שעפּ,
די ווינטיקע קעלט פון דער פרעמד וואָס איך פיל אומעטום.

ניט מיינע — מיין טואונג וואָס כ׳טו זי געצוואונגענערהייט,
ניט מיינס איז מיין קול, ווען איך רייד אָדער זינג אין מאַזשאָר.
ס׳איז מיינס נאָר דאָס ליד, וואָס דערציילט אַזוי ווייניק פון פרייד,
און ווערט פון מיר שטענדיק געהאַלטן אין טאָן פון מינאָר.

איך וויל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף די ערשטע צוויי שורות פון דעם ערשטן פערז און אויף די ערשטע צוויי שורות פון דעם צווייטן פערז, ווייל זיי זיינען דער תמצית פון דעם ליד, און האָבן דערטיפט צו דעם פשוטסטן און אייביקן ווי פון דעם מענטשן. די ווייטערדיקע שורות פון די צוויי פערזן שליסן זיך ניט צו צו דער מדרגה, ווי פּאַפּיערניקאָוו זאָל זיך איילן פאַרענדיקן דעם פערז.

„ניט מיינע — די וועלט און ניט מיינס איז דאָס לעבן וואָס כ׳לעב". אָט די איינפאַכע ווערטער, אַזוי פשוט געזאָגט (און דאָס איז זייער שיינקייט) דערגרייכן צו אַ השתפכות הנפש וואָס יעדער מענטש און אפשר אין אַלע דורות קען עס פילן. ס׳איז דער אויסדריק פון מאַנגל וואָס מאַטערט דאָס מענטשלעכע האַרץ, וואָס מאַכט איבעריק און שווער „דאָס דאָאיקע" און אומדערגרייכבאַר דאָס פינטל פון עץ החיים וואָס מען קען צו אים ניט קומען. און אַזוי איז אויך די שורה „ניט מיינע די וועגן אויף וועלכע איך וואָגל אַרום", ווייל ווער איז דאָס זוכה צו גיין מיטן וועג פון זיין חלום? דער קאָמפּאַס פון לעבן

איז אַ ציטערדיקער און פאַרפירט דעם „בעסטן גייער“ אויף זיגזאַגן וואָס זיינען „ביט זיינע“. און אַזוי אויך די שורות: ניט מיינע מיין טואונג וואָס כ׳טו זי געצוואונגענערהייט, ניט מיינס איז מיין קול וואָס איך רייד, אָדער זינג אין מאַזשאָר“. דאָ איז דער גאַנצער „על כרחך אתה חי“, און דער „על כרחך“ וואָס דו רעדסט דיינע רייד — דאָס טאַנדעט־לשון, וואָס מענטשן געברויכן אויף פאַרשטעלן דעם ווײ פון דער נשמה. זי איז פיר און צוואַנציק שעה אַ מעת לעת אַ געטריבענע פון גן עדן, און נישט דערגרייכטע צום עץ החיים. „ניט מיינס איז מיין קול“ — בלויז אין אַ ליד קען מען קומען צו אַזאַ אָפנהאַרציקן ווידוי, און בלויז אין דעם טראַנס פון אַ ליד קען מען האָבן דעם מוט דערצו. און די איינפאַכקייט און רואיקייט פון די שורות, וואָס ברענגען אַרויס אַזאַ יאָמער־ווײ, צייכנט זיי אַריין, ווי מיר דאַכט זיך, אין אַ גאָר הויכער מדרגה פון דיכטונג.

ק. מאָלאָדאָווסקי

*

רחל קאָרן

# לידער

## אָט דאָרט

אָט דאָרט, וואו די שטילקייט האָט וואָרצלען געשלאָגן,
איז נאָך אַלץ דער בראשית שעמעוודיק צעגליט,
בעת ער פיבערט אַריין אין די אויערן פון בלעטער
די קנאָספּענדע ווערטער פון אייביקן ליד.

אָט דאָרט, וואו דער טרויער איז הענגען געבליבן
אויף אַ דין־דינער האָר, פאַרשפּינוועבט און גראָ,
איז אַ סטעזשקע פאַראַנען, ווי אַן אָפענע אָדער
פאַר בענקשאַפט, וואָס פליסט צו דער איינזאַמסטער שעה.

און ערגעץ אינמיטן — צווישן שטילקייט און טרויער
בין איך איינע אַליין, ווי ס׳וואָלט מיך געשטעלט
די פאַרנאַכטיקע שעה פון פאַרשפּעטיקטן פרילינג
צו היטן דעם זיפץ פון דערוואַכענדער וועלט.

## אַלץ וואָס איז איינזאַם

אַלץ וואָס איז איינזאַם האָט די פאַרב פון מיין טרויער,
און אַלץ, וואָס פאַרשעמט איז און מיד
שטייט אין אַ קרוין פון פאַרלאָשענע שטערן
ביי דעם ערשטן וואָרט פון מיין ליד.

פאַרוואָרלאָזטע בעטלער, פאַרשטויסענע פרינצן,
פאַרגעסענער שמייכל, פאַרשפּעטיקט געוויין,
ווער וועט זיך נויגן פאַר אייך און פאַרבעטן
אייך אַלע, ווען איך וועל נישט זיין?



## אַזויפיל וועגן

אַזויפיל וועגן האָט די נאַכט פאַרלאָשן,
ס׳איז אויך מיין שמאָלע סטעזשקע צווישן זיי —
נאָר שאָטנס אַרום מיר, מיט מיר איז בלויז דער טרויער,
וואָס איז דער איינציקער געבליבן מיר געטריי.

אַזויפיל וועגן האָט די נאַכט פאַרלאָשן
און מיך געלאָזן שטיין אין סאַמע מיטן טרוים —
עס האָט זיך אויפגעוועקט, אַ וויין געטאָן מיט ראָסע
צוקאָפּנס פון די וועגן אַ האַלב־פאַרדאַרטער בוים.

## דורך דער קאַרגשאַפט פון גורל

דורך דער קאַרגשאַפט פון גורל,
וואָס האָט גענומען די מאָס פאַר מיין גליק
מיט קמצנישער האַנט,
בין איך געוואָרן אויפגעריכט
מיטן גרויסן עשירות פון לייד.

כ׳בין רייכער איצט, ווי ווען עס איז אַמאָל —

דער טאָג קען מיך מער נישט אונטערקויפן
מיט זיין גאַנצער צעגילדיקטער פראַכט,
ס׳קען מיך מער נישט פאַרפירן די נאַכט
מיט ריחות פון זשאַסמין צעבליטן און בעז
צום ראַנד פון די בענקשאַפטן אַלע,
וואָס ווערן בלויז איין מאָל אין לעבן נתגלה.

אַלץ וואָס איז געווען פרעמד און אומבאַקאַנט
קערט זיך איצט אָן מיט מיר
אין נייער קרובהשאַפט.

איך בין די יורשטע
פון וועלטן נישט געבוירענע,
פאַר וועלכע כ׳האָב נעסטן געפלאָכטן
אונטער דעם דאַך פון מיין טרוים.

און גאָרנישט, גאָרנישט אויף דער וועלט, דער גאָרער
איז בילכער איצט און נענטער איצט צו מיר
פון מיין קינדהייטס נע־ונדן ריח,
וואָס האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צו מיר
אין אַ שעה,
ווען אַלץ גלייכט זיך אויס

מיטן טרויער פון מידן און שטילן פאַרנאַכט,
אין וועלכן עס טרענקט זיך,
ווי אין אַ טיפן, פאַרטונקעלטן טייך
אַ פאַרשפּעטיקטער שמייכל
מעריבדיק און בלייך.

## איך ווייס נישט

איך ווייס נישט, וויפל טרויער
האָט זיך אויסגעבאָרגט ביי מיר
דער היינטיקער פאַרנאַכט,
אַז ער איז אַזוי שטיל געוואָרן
און פאַרטראַכט,
גלייך ס׳וואָלט אויף אים אַליין געשוועוערט
דער גאַנצער אומעט פון פאַרגיין
און דאָס געוויין
פון קיינעם נישט דערהערט.

אַפילו די זון
איז הענגען געבליבן
אין שפּינוועבס פון כמאַרעס,
ווי אַ געפאַנגענע בין.

און דער היימישער, נאָענטער וואַלד
איז פּלוצים געוואָרן אַזוי פרעמד, אַזוי ווייט,
ווי ער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון מיר
און פון איעדער טרייסט.

איבער די לאָנקעס צעגרינטע און ברייטע
הויבן זיך נעפּלען מיט ווייסע וואַלן,
ווי אַ צעגאָסענער טייך —
שווימען און שווימען צום ברעג פון דער נאַכט
און איך — מיט זיי צוגלייך.

## די גריל

די גריל זעגט זיך דורך דורך דער נאַכט „טרי, רי, רי״,
זי זעגט און זי זעגט און ווערט אַלץ נישט מיד —
ס׳איז געקעפּט שוין די שלווה און אויף העלפטן צעזעגט
דער טרויער, וואָס זוכט אַ וועג צו מיין ליד.
„טרי, רי, רי״, ביז צום מאָרגן אַ מהלך די וויט,
פון פאַרטאַיעטע ווינקלען שלייכן שאָטנס אַנטקעגן —
עס בויערט אַלץ טיפער און טיפער די גריל,
געבליבן איז נאָך מיין האַרץ צו צעזעגן.



HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

יצחק באַשעוויס

# אַליין

(דערציילונג)

1

ס׳האָט אָפט געטראָפן אַז כ׳האָב אַרויסגעבראַכט אַ וואונש וואָס איז מיר אַליין פאַרגעקומען נישט געמאָלט ער זאָל ווערן וואָר, אָבער ס׳איז געווען גענוי געשען ווי כ׳האָב באַגערט; דערביי איז מיר אַלץ אויסגעפאַלן קאַפּויר, אַשטייגער ווי די פאַרהוילענע כוחות וואָלטן מיר געוויזן אַז כ׳פאַרשטיי נישט די אייגענע געברויכן. אַזוי האָט פּאַסירט יענעם זומער אין מיאַמי ביטש. כ׳האָב געוואוינט אין אַ גרויסן און געפּאַקטן האָטעל, פול מיט אַמעריקאַנער וואָס ליידן, ווי איך, פון היי־פיבער, און אויך פול מיט טוריסטן פון קובאַ, וואָס אַקעגן די דאָרטיקע היצן איז אין פלאָרידאַ כלומרשט קיהל. אַלץ איז מיר געוואָרן איבערדריסיק: דאָס פליוסקען זיך אין ים צוזאַמען מיט דעם רוישיקן געזינדל, דאָס הערן אַ גאַנצן טאָג דאָס שפּאַנישע לשון, דאָס עסן די צו־זעטיקע מאָלצייטן. ווען כ׳האָב געלייענט אַ יידישע צייטונג אָדער אַ יידיש בוך, האָט מען געקוקט אויף מיר דערשטוינט. איינמאָל ווען כ׳בין געגאַנגען אַליין אויף אַ שפּאַציר, האָב איך אַ זאָג געטאָן אויפ׳ן קול:

— כ׳וואָלט געוואָלט זיין איינער אַליין אין אַ האָטעל. כ׳זאָל מיך נישט דאַרפן טיילן מיט קיינעם!

גלייך האָט אַ שרעטל, ווייזט־אויס, אויפגעכאַפּט מיין וואונש (אָדער שפּרוך) און פאַרשפּרייט אַ נעץ. צומאָרגנס אינדערפרי ווען כ׳בין אַראָפּ צו פרישטיק, האָב איך באַגעגנט אין פּאָדער־זאָל אַ האַרמידער. דער עולם איז געשטאַנען אין בינטלעך. מ׳האָט גערעדט העכער ווי געוויינלעך. ס׳זענען געלעגען אָנגעהויפט שטויסן וואַליזעס. די באַדינער זענען אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק, געשטופּט קליידער־הענגערס אויף רעדלעך. כ׳האָב געפרעגט עמיצן וואָס דאָ טוט זיך און יענער האָט געענטפערט: איר האָט נישט געהערט די מעלדונג דורכ׳ן מיקראָפאָן? מ׳שליסט דעם האָטעל. — פאַר־וואָס עפּעס? — האָב איך צוריקגעפרעגט. — זיי זענען באַנקראָט! — האָט יענער גערופן און זיך פון מיר אָפּגעקערט, אַ שטראָף פאַר זיין אַריינגעטאָן אין זיך און נישט וויסן וואָס ס׳טוט זיך אַרום. ס׳איז אַלץ געווען אַ רעטעניש. לויט מיין איינזען, האָט דער האָטעל געטאָן גוטע ביזנעס. נו, און ווי אַזוי ליקווידירט מען עפּעס מיר־נישט־דיר־נישט אַ האָטעל מיט הונדערטער געסט? אָבער כ׳האָב מיך שוין געהאַט צוגעוואוינט אין אַמעריקאַ נישט צו פרעגן קיין קשיות. מ׳האָט שוין באַצייטנס געהאַט אָפּגעשטעלט דעם קיהלונג־סיסטעם. די לופט איז געוואָרן לעבלעך און איבלדיק. אַ לאַנגע רייע האָט זיך אויסגעשטעלט ביים קאַסע־פענסטערל באַצאָלן דעם רעכענונג. אַלץ איז געוואָרן הפקר׳דיק. מ׳האָט שוין געוואָרפן אויפ׳ן מאַרמאָרנעם דיל רעשטלעך פון פּאַפּיראָסן. קינדער האָבן געריסן די בלעטער און בלומען פון די טראָ־פּישע פלאַנצן אין די עמערס ערד. עטלעכע דרום־אַמעריקאַנער וואָס האָבן די גאַנצע צייט געשפּילט די ראָל פון שפּאַניער, האָבן פּלוצים גענומען רעדן יידיש. איך האָב געהאַט ווייניק באַגאַזש: איין וואַליזע. כ׳האָב זי גענומען און בין אַוועק זוכן אַן אַנדער האָטעל. די זון האָט שוין אינדרויסן געבריהט און כ׳האָב מיך דערמאָנט אָן אלוני ממרא און ווי גאָט האָט אַרויסגעצויגען

די זון פון פוטערפאַס ס׳זאָלן נישט קומען צו אברהמ׳ען קיין אורחים. כ׳בין געוואָרן עפּעס ווי האָפערדיק. ס׳האָבן זיך געהאַט אויף אַ ווייל אומגעקערט די בחור׳ישע צייטן ווען כ׳האָב איינגעפּאַקט מיין האָב־און־גוטס אין אַ רענצל און אין פינף מינוט געדונגען אַ צימער.

כ׳גיי פאַרביי אַ האָטעל און ער זעט מיר אויס אָפּגעלאָזן. ס׳הענגט אַן אויפשריפט אַז מ׳קריגט דאָ שפּעט אין סעזאָן אַ צימער פאַר צוויי דאָלאַר אַ טאָג. וואָס קאָן שוין זיין ביליקער? כ׳גיי אַריין. די טעמפּעראַטור איז נישט רעגולירט. הינטער דעם טיש־באַנק שטייט אַ מיידל מיט אַ הויקער פון פאָרנט און פון הינטן און מיט שוואַרצע שטעכיקע אייגעלעך. כ׳פרעג זי צי כ׳קאָן דאָ קריגן אַ צימער און זי ענטפערט לוסטיק:

— דער גאַנצער האָטעל איז פאַר אייך.

— ס׳איז דאָ קיינער נישטאָ?

— קיינער נישט.

זי לאַכט און ווייזט אַ מויל מיט שיטערע ציין. זי רעדט ענגליש מיט אַ שפּאַנישן אַקצענט. זי זאָגט מיר אַז זי איז אַ קובאַנערין. כ׳אַקצעפּטיר גלייך. דאָס הייקערל פיהרט מיך אַרויף אין אַ קליינער ווינדע אויפ׳ן דריטן שטאָק. דער קאָרידאָר איז לאַנג און האַלב־פינסטער. ס׳גלימערט דאָ אַן איינציק לעמפּל. זי עפנט אַ טיר און לאָזט מיך אַריין ווי אַ חיה אין שטייג, אָדער ווי אַ געפאַנגענעם אין אַ תפיסה־קאַמער. דאָס פענסטער האָט אַ מאָס־קיטאָ־נעץ און קוקט אַרויס צום אַטלאַנטיק. די פאַרב אויף די ווענט איז אָפּבלאַקירט און שיילט זיך. דער טעפּיך איז צעטרעטען און צעטעפּעט. אין באָד־צימער שמעקט מיט פייכטקייט, אין דער קליידער־שאַנק — מיט אויס־שפּריצעכץ קעגן מולן. דאָס בעטגעוואַנד איז ריין, אָבער פייכטלעך. כ׳פּאַק אויס מיינע זאַכן און כ׳בין שוין באַזאָרגט מיט אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ. כ׳גיי אַראָפּ אונטן. אַלץ איז בלויז פאַר מיר: דער שווים־באַסיין, די פּליאַזשע, דער ים. ס׳שטייען דאָ צוליג־שטולן וואָס דאָס געוואַנד איז פון זיי האַלב־אָפּגעריסן. אַלץ איז הייס פון דער זון. דאָס וואַסער איז געל, די כוואַליעס — נידריק־פויל. קוים וואָס זיי באַוועגן זיך, ווי מיד פון דער חמימה. זיי שוימען פון יוצא־וועגן און צו ווייזן אַז ס׳איז נישט אויסגעגאַנגען פון זיי די אַמאָליקע גבורה. אַן איינציקע מעווע שטייט ביים ברעג און קווענקלט זיך: פּרוּוון כאַפּן אַ פיש, אָדער נישט? מיר דוכט זיך אַז זי האָט נישט קיין אַפּעטיט. מרה־שחורה איז פאַרבונדן אין מיין געדאַנק מיט הערבסטיקער טריבקייט, אָבער דאָ געניצט אַ זוניקע מרה־שחורה. ס׳קומט מיר פאָר ווי דאָס מענטשליכע מין וואָלט דורך עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע אונטערגע־גאַנגען און איך בין דאָ געבליבן, אַ נח אָן זיהן, אָן אַ ווייב, אָן חיות, מיט אַ ליידיקער תבה. כ׳וואָלט מיך אַפילו דאָ געקאָנט באָדן נאַקעט. כ׳טוה פונדעסטוועגן אָן דעם באָד־קאָסטיום און גיין אַריין אין וואַסער, וואָס איז וואַרעם ווי אין אַ וואַנע, אָנגעהיצט פון גאָלף־שטראָם. ס׳שווימען דאָ אַרום בינטלעך ים־גראָז. אַזוי ווי אין פריערדיקן האָטעל האָט מיך פאַראַליזירט די שעמעוודיקייט, אַזוי בין איך דאָ באַנומען פון דער אָפּגעזונדערטקייט. ווי אַזוי שפּרינגט מען עפּעס און מ׳מאַכט זיך נאַריש אין אַן אויסגעליידיקטן פּלאַנעט? כ׳קאָן אַביסל שווימען, אָבער כ׳האָב מורא. ווער וועט מיך דאָ ראַטעווען אויב אַלץ זאָל נישט צוגיין ווי געהעריק? ווי באַלד די פאַרהוילענע מאַכט האָט נאָכגעגעבן מיין פאַרלאַנג און מיר צוגעשטעלט אַ ליידיקן האָטעל, קאָן זי מיר אויך אונטערשיקן אַ ווירבל־שטראָם, אַ טיף לאָך אין באָדן,



אַ האַי־פיש, אַ ים־שלאַנג אָדער אַן אַנדער שטרויכלעניש. יענע וואָס שפּילן זיך מיט פאַרבאָרגענישן מוזן זיין טאָפּלט געוואָרנט.

נאָך אַ ווייל שפּאַן איך אַרויס פון ים און לייג זיך צו אויף איינעם פון די הינקנדיקע צוליג־שטולן. מיין לייב איז ווייס, דער שאַרבן איז נאַקעט. די אויגן זענען פאַרשטעלט מיט זון־ברילן, אָבער דאָס ליכט בלענדט דורך די שוואַרצע שערבעלעך. דער הימל איז בלאַס־בלוי, אָן אַ וואָלקנדל. די לופט שמעקט מיט זאַלץ, פיש, מאַנגאָ־פרוכט און מיט טראָפּישער רו. דער אונטערשיד צווישן דעם אָרגאַנישן און דעם נישט־אָרגאַנישן איז דאָ אַ נישטיקער. מ׳שפּירט באַשיינפּערלעך ווי אַלץ אָטעמט, וואַקסט, גלוסט — יעדעס שטיינדל, יעדעס זעמדעלע. די צנורות וואָס דורך זיי נידערט־אַראָפּ די הימלישע גענאָד, זענען דאָ אָפן און מ׳דערקענט אַן אמת אַזאַ וואָס אין די צפון־געגנטן איז ער אומצוטריטלעך. כ׳האָב פאַרלוירן אַלע אַמביציעס. כ׳בין דרום־אַמעריקאַניש פויל. כ׳לייג אַלץ אָפּ אויף מאַניאַנאַ — מאָרגן. די פאַר־װעלכצער מיינע זענען קליינלעך און גשמיות׳דיק: אַ גלאָז לעמאָנאַד אָדער מאַראַנצן־זאַפט. כ׳פאַנטאַזיר ס׳זאָל זיך דאָ אַריינציען אַ פרוי וואָס איז גיריק נאָך ליבע און כ׳זאָל פאַרוועבן מיט איר אַ צייטווייליק ליבע־געוועב. ניין, איינער אַליין איז נישט גוט. כ׳האָב נישט געמיינט אַליין, נאָר אין צווייען. דאָס שרעטל האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, אָדער זיך געמאַכט נישט־פאַרשטייענדיק.

כ׳הער זיך צו צו מיר אַליין. כ׳פאַרנעם ווי דאָס בלוט ריזלט אין די אָדערן און מאָגנט. כ׳וויל, ווי אַלע שרצים וואָס ווידמען זיך אין געמויזעכץ, זיך פּרוכפּערן און מערן, אָדער אַמווייניקסטן מאַכן דעם אָנשטעל. כ׳וויל איינרעדן אַ גוף אַז כ׳האָב אים ליב. כ׳בין גרייט צו פאַרקוקן אַלע עסטע־טישע פאָדערונגען, צו פאַרדעקן די בושה מיט אַ יילעך, צו פאַרמאַכן די אויגן און, ווי אַ בלינדער, אינגאַנצן זיך איבערצוענטפערן צום חוש המישוש. דערביי הער איך נישט אויף פילאָזאָפירן! די אייביקע פראַגן שאָרכן אָן אויפהער ביי מיר אין מאַרך. ווער פיהרט פאָרט דאָס רעדל? איז עס די סובסטאַנץ מיט דער אומענדליכער צאָל אַטריבוטן? איז עס די מאָנאַדע פון אַלע מאָנאַדן? איז עס דער אַבסאָלוט, דער בלינדער ווילן, דאָס אומבאַ־וואוסטע? עפּעס אַ האַפט מוז דאָך שטעקן הינטער אַלע פאַרבלענדענישן.

ניין, כ׳בין נישט אינגאַנצן אַליין אויף דער וועלט. אויפ׳ן ים, וואָס איז ביים ברעג אייליק־געל און ווייטער־צו גלאָזיק־גרין, שווימט אַ זעגל־שיף. דער זעגל גייט אויפ׳ן וואַסער ווי אַ מת אין תכריכים. ער שאָקלט זיך און פּרוּווט עפּעס אַרויס׳כישופ׳ן פון אָפּגרונד. אַן עראָפּלאַן פליהט־אָן און ס׳שלעפּט זיך אים נאָך אַ שילד: מרגלית׳עס רעסטאָראַן, כשר, זיבן שפּייזן, אַ דאָלאַר מיט פינף און זיבעציק סענט.

הייסט עס, דער באַשאַף האָט זיך נאָך נישט אומגעקערט צו תוהו ובוהו. אין מרגלית׳עס רעסטאָראַן סערווירט מען נאָך קאַשע מיט יויך, מאַנדלען מיט יויך, קנישעס, געפילטע קישקע. אויב אַזוי, וועל איך אפשר מאָרגן קריגן אַ בריוו. די פּאָסט איז דאָ אין מיאַמי דער איינציקער צייכן אַז כ׳האָב נאָך אַ צוזאַמענהאַנג מיט דעם וועלט־יאַריד. כ׳בין יעדעס מאָל פאַר׳־חידוש׳ט וואָס ערגיץ־וואו נעמט זיך אַ האַנט די מיה אָנצושרייבן אויף אַ קאָנווערט מיין נאָמען אָנצוקלעבן מאַרקעס. כ׳לייען יעדע שורה נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. כ׳זוך רמזים אין יעדן וואָרט און אַפילו אויף דער אַנדע־רער זייט וואו דאָס פּאַפּיר איז פול מיט ווייסער נישט־דערזאָגטקייט. מ׳האָט מיר צוגעזאָגט אַריבערצושיקן די פּאָסט אין ליידיקן האָטעל...

2

ווי לאַנג ס׳קאָן זיין אַ טאָג אַז מ׳איז אַליין! כ׳האָב געלייענט אַ בוך און צוויי צייטונגען. כ׳האָב געטרונקען קאַווע אין אַ קאַפעטעריע און באַשיידט אַ רעבוס אין אַ בלאַט־צייטונג. כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ געשעפט וואו מ׳ליציטירט אָריענטאַלישע טעפּיכער און בין אַריין אויף אַ וויילע אין אַ פירמע וואָס פאַרקויפט אַקציעס פון וואָל סטריט. צוואָר, כ׳געפין זיך אין מיאַמי ביטש, אָבער כ׳בין אָפּגעריסן פון אַלעמען ווי אַ גייסט. כ׳בין אַריין אין ביבליאָטעק און עפּעס געפרעגט ביי דער ביבליאָטעקאַרין, אָבער זי האָט זיך פאַר מיר דערשראָקן. כ׳האָב מיך פאַרגליכן צו אַ געשטאָרבענעם, וואָס אויף אַ וויילע האָט ער איבערגעלאָזט אַ בלויז, אָבער באַלד האָבן די פעדים פון מענטשלעכן געהאַפט זיך ווידער צונויפגעוועבט און ער איז אויסער׳ן תחום פון לעבן. די האָטעלן זענען געשטאַנען יעדער מיט זיינע דעקאָראַציעס און אַטראַקציעס. די פּאַלמען האָבן צונויפגעצויגען די האַלב־אָפּגעוועלקטע פעכערס, געטראָגן די שווערע קאָקוס־ניס ווי דריזן. אַפילו אין דעם געגליטש פון די אויטאָמאָבילן איבער׳ן אַספאַלט האָט געהויערט אַ פאַרגליווערטקייט. אַלץ האָט זיך געטאָן עפּעס ווי פון זיך אַליין, מיט דעם אויטאָמאַטיזם וואָס איז אפשר דער קווינט־עסענץ פון אַלדאָס דאָזיין.

כ׳האָב געקויפט אַ זשורנאַל, אָבער ווי נאָר כ׳האָב איבערגעלייענט דעם ערשטן אָפּזאַץ, בין איך געוואָרן זאַט פון דער לעקטור. כ׳בין איינגעזעסן אין אַן אויטאָבוס און זיך געלאָזט פירן אָן אַ צוועק איבער בריקן, אינזלען מיט פּאַלמען, גאַסן מיט ווילעס. מ׳האָט געהאַט באַבויט די מדבר, זי באַפלאַנצט מיטביימער און בלומען פון פאַרשידענע קלימאַטן, אויסגעפילט פלאַכע ערטער אין ים, באַוויזן וואונדער אין אַרכיטעקטור און געפלאַנטער עולם־הזה. פונדעסטוועגן איז דאָ געבליבן אַ מדבר׳דיקע לאַנגוויל וואָס קיין שום דזשאַז קאָן נישט פאַרווישן, קיין שום פאַרב — פאַרטושן. כ׳בין פאַרביי אַ קאַקטוס וואָס צווישן די נאָדלען זיינע און פאַרשטויבטע שטעכלקעס האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ רויטע בלום. כ׳בין פאַרבייגעפאָרן אַן אָזערע, וואָס אַרום איר זענען געשטאַנען מחנות פלאַמינגאָס, געלופטערט די פליגל, געשפיגלט די לאַנגע שנאָבלען, די ראָזע פעדערן — אָפּגעהאַלטן אַ פויגלשע אסיפה. ווילדע קאַטשקעס זענען אָנגעפלויגען פון ערגיץ מיט אַ קראַקעניש. דער דזשונגל האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. מ׳האָט אים נישט געקאָנט פאַרטרייבן מיט קיין קמיעות פון דער ציוויליזאַציע.

כ׳האָב אַרויסגעקוקט דורך דעם אָפענעם פענסטער פון אויטאָבוס און ווי וואויל אַלץ איז ניי, איז אַלץ אַלט און מיזאַם: די באָבעס מיט די געפאַרבטע האָר און די גערוזשטע באַקן, די מיידן וואָס האָבן בלויז צוגעדעקט די שאַנד, די אָפּגעברענטע יונגען וואָס זענען געפאָרן אויף וואַסער־סקי און דערביי געזופט קאָקאַ־קאָלאַ. דער אַלטער וואָס איז געלעגן אויפ׳ן דעק פון דער יאַכט מיט׳ן ווייס־האָריקן ברוסט־קעסטל אַרויף און געוואַרעמט די רעאומאַטישע פיס, האָט געשמייכלט הבל־הבלים׳דיק, מיט דער אָפּגענאַרטקייט פון יענע וואָס האָבן שוין אַלץ דערגרייכט. די נקבה וואָס איר האָט ער אָפּגעשריבן זיין פאַרמעגן, האָט מיאוס געגראַבלט צווישן די פיס־פינגער מיט די צונטער־רויטע נעגל, זיכער מיט איר צויבער ווי מיט׳ן מאָרגנדיקן טאָג. דער הונט האָט מיט מיליאָנערישער גאווה געגלאָצט אויף דער וואַסערדי־



קער שטריק וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דעם סטער, געגענעצט און זיך אָפּגעשאָקלט ווי פון אַ בייז אויסדוכטעניש.

ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז דער אויטאָבוס האָט דערגרייכט די לעצטע סטאַציע און דאָרט בין איך איינגעזעסן אין אַן אַנדער אויטאָבוס. כ׳בין פאַרביי אַ האַפן וואו מ׳האָט געוואויגען — און אפשר אויך פאַרקויפט — ערשט־געכאַפּטע פיש. די וואונדיק־געפלעקטע הויטן, די אויסטערלישע קאָלירן, די פאַרגלייזטע אויגען, די שטעכיקע ציין, די בלוט־פאַרגליווערטע מיילער האָבן עדות געזאָגט אויף אַ רשעות טיף ווי דער תהום. די פישער־יונגען און ספּאָרטסלייט האָבן זיך געפריידט מיט אַן אומריינער פרייד. מיר זענען פאַרביי אַ פאַרם פון שלאַנגען, אַ קאָלאָניע פון מאַלפּעס, הייזער אויפּגעגעסענע פון טערמיטן, מאָך־פאַרצויגענע וואַסערן וואו ס׳זענען אַרומגעשוואומען די אוראייניקלעך פון דעם נחש הקדמוני. וואו ס׳האָט געשיפּעט און וואו ס׳האָט געהוילט. פּאָפּוגייען האָבן געשריגן מיט סקריפּענדיקע קולות. פון מאָל צו מאָל איז אַריין דורכ׳ן פענסטער אַן אומבאַקאַנט געשטאַנק, אָדער פּערפומען וואָס דער אַראָמאַט זייער איז אַזוי געדיכט אַז מ׳קריגט פון אים אַ קאָפּ־ווייטאָג.

דאַנקען גאָט, אַ זומער־טאָג איז נישט אַזוי לאַנג אין דרום — נענטער צום עקוואַטאָר — ווי אין צפון. דער אָוונט איז צוגעפאַלן פּלוצים, כמעט אָן אַ דעמערונג. איבער די קאַנאַלן און וועגן האָט זיך אויסגעלייגט אַן אור־וואַלדיקע פינסטערניש וואָס קיין שום לאַמטערן קאָנען זי נישט דורכלויכטן. די אויטאָמאָבילן האָבן אָנגעצונדן די רעפלעקטאָרן, זיך געגליטשט אויף גאָט׳ס באַראָט. די לבנה איז אַרויסגעקומען משונה־גרויס און משונה־רויט. זי האָט געהאָנגען אין הימל ווי אַ ריזיקער גלאָבוס מיט אַ מאַפּע נישט־פון־דער־וועלט. ס׳האָט אַ שמעק געטאָן מיט נס און פאַרענדערונג אין מעשה־בראשית. ס׳האָט זיך אויפגעוועקט אין מיר די קיינמאָל נישט אויפגעגעבענע האָפנונג: אפשר איז מיר באַשערט בייצוואוווינען אַ קאָסמישע איבערקערעניש? אפשר וועט די לבנה אַראָפּפאַלן? אפשר וועט די ערד זיך אָפּרייסן פון גראַוויטאַציע־פעלד פון דער זון און אַוועקוואַנדערן צו נייע קאָנסטעלאַציעס?

דער אויטאָבוס האָט אַזוי לאַנג געפּויזעט אין אומבאַקאַנטע מקומות ביז ער האָט זיך אומגעקערט צו לינקאָלן ראוד, צווישן די גרויסאַרטיקע מאַגאַזינען וואָס שטייען זומער האַלב־פּוסט, אָבער זענען פונדעסטוועגן באַזאָרגט מיט אַלץ וואָס אַ רייכן טוריסט קאָן זיך פאַרוועלן: אַ פוטער פון הערמעלין, אַ ברילִיאַנט פון צוועלף קאַראַט, אַ קאַלנער פון טשינטשילאַ־פעלן, אַן אָריגינעלע צייכענונג פון פּיקאַסאָ. די אויסגעפּוצטע פאַרקויפער און פאַרקויפערינס האָבן געשמועסט צווישן זיך אין די קיהלע געשעפטן און אויסגעקוקט אַ קונה, זיכער אין דעם כלל אַז הינטער דער נירוואַנאַ פּולסירט די קאַרמאַ. נישט־הונגעריקערהייט בין איך אַריין אין אַ רעסטאָראַן און די קעלנערין מיט די פּריש־פּלאַטינירטע און עלעקטריש־אָנדולירטע האָר האָט מיר צוגעטראָגן אַ רייך מאָלצייט. זי האָט מיך באַדינט פּרעציז און שטיל. כ׳האָב איר איבערגעלאָזט אַ האַלבן דאָלאַר. ווען כ׳בין צוריק אַרויס אינדרויסן, האָט מיר געקלעמט אין מאָגן, געשווערט אין קאָפּ. אַ שפּעט־נאַכטיקע היץ האָט געבאַקן. די לופט האָט געשטיקט. אַ נעאָן־שילד אויף אַ שטאָטישע געביי האָט געמאָלדן אַז די טעמפּעראַטור האָט דערגרייכט צו זעקס־און־ניינציק און אַז די פייכטקייט איז פון זעלבן גראַד. כ׳האָב נישט געדאַרפט קיין וועטער־נביא. ס׳האָט שוין באַצייטנס געבליצט אין אָנגעגליהטן הימל,

כאָטש אָן דונערן. אַ קאָלאָסאַלער וואָלקן, געדיכט ווי אַ באַרג, האָט אַראָפּגעניידערט פון די הויכענישן, פול מיט פייער, פול מיט וואַסער. איינציקע טראָפּעלעך זענען געפאַלן אויף מיין פליך. די פּאַלמעס זענען געשטאַנען ווי פאַרשטיינערטע, אָפּגעוואַרט דאָס געוויטער, גרייט צו שאָקלען מיט די לולב׳ן און צו מאַכן די נענועים וואָס זענען אַ סגולה קעגן אַלע באַגעגענישן. כ׳האָב זיך געאיילט אַהיים, אין דעם לײדיקן האָטעל. אַחוץ דעם וואָס כ׳האָב געוואָלט זיין באַשיצט אין דעם אומוועטער, האָב איך געהאָפט אַז מ׳האָט מיר דערווייל איבערגעשיקט אַ רעקאָמענדירטן בריוו.

כ׳בין דערגאַנגען בלויז אַ האַלבן וועג. דערנאָך האָט זיך צעלאָזט דער שטורעם. ס׳האָט געטאָן איין כליאַפּ און כ׳בין געוואָרן אויסגעווייקט ווי מ׳וואָלט אויף מיר אַרויפגעגאָסן ארבעים סאה. ס׳האָט אַ בלענד־געטאָן אַ פייערדיקע רוט און כ׳האָב גלייך דערהערט דעם קנאַל, אַ סימן אַז ס׳האָט אַלץ זיך אָפּגעשפּילט נעבן מיר. כ׳האָב געוואָלט ערגיץ אַריינלויפן, אָבער ס׳האָבן זיך געקייקלט צו מיר שטולן וואָס דער ווינט האָט אַראָפּגעיאָגט פון וועראַנדעס, ס׳זענען געפאַלן שילדן. דער שטורמווינט האָט געהאַט אַראָפּגעריסן דעם געקרוינטן קאָפּ פון אַ פּאַלמע און זי האָט זיך געקוילערט, גרינג ווי אַ רייף, געמאַכט אַ קאָזשעלעק פאַרביי מיינע פיס. אַ צווייטע פּאַלמע האָט זיך אויסגעבויגן, גרייט צו פאַלן כורעים, איינגעהילט אין זעק ווי אַ בעל־תשובה. פון צעטומלטקייט האָב איך געטאָן איין זאַך: געלאָפן. כ׳האָב געהיפּערט מיט אַ גרינגקייט פון די אינגלשע צייטן. כ׳בין אַריין אין קאַלוזשעס וואָס מ׳האָט זיך געקאָנט אין זיי דערטרינקען. צוזאַמען מיט דער געפאַר איז מיך באַפאַלן די הפקרות. כ׳האָב געשריגן און געזונגען. כ׳האָב אָפּגעענטפערט דעם שטורעם מיט זיין אייגענעם ניגון. אַפילו די אויטאָמאָבילן זענען געבליבן שטיין אין דעם הוראַקאַן וואָס קיינער האָט נישט פאָרויסגעזאָגט. אָבער איך האָב נאָך אַלץ געאיילט העגדום־פּענדום, גרייט ביייצוקומען די וואַקכאַנאַליע, אָדער אונטערצוגיין אין אַ וואַסערדיקן מסירת נפש. ס׳האָט אַלץ געהאַט צו טאָן מיט דעם רעקאָמענדירטן בריוו וואָס קיינער האָט נישט געשיקט און כ׳האָב קיינמאָל נישט דערהאַלטן.

כ׳ווייס נישט ביז איצט ווי כ׳האָב דערקאָנט דעם האָטעל. כ׳בין אַריין אין דעם לײדיקן פאָדער־זאַל און ס׳האָט זיך מינוטן לאַנג געגאָסן פון מיר איבער׳ן דיוואַן. ערגיץ אין אַ שפּיגל האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיין צעשוואָרמענע געשטאַלט קוביסטיש אָדער פוטוריסטיש. נאָך אַ ווייל בין איך אַריין אין דער ענגער ווינדע און זי האָט מיך, ווי קיינמאָל גאָרנישט, אַרויפגעפירט אויפ׳ן דריטן שטאָק. די טיר פון מיין צימער איז געשטאַנען אויפגעפּראַלט. ס׳האָט געווימלט און געזשוזשעט מיט מאָסקיטאָס, מיט זשאַבעלעך, מוקן, פייערפליגן וואָס האָבן זיך דאָ באַשיצט קעגן דער בהלה. דער ווינט האָט געהאַט אַראָפּגעריסן די מאָסקיטאָ־נעץ; דער טעפּיך איז געוואָרן נאַס. די פּאַפּירן פון טיש זענען זיך געהאַט צעפלויגן. כ׳האָב אַ ווייל פאַרנומען דעם רויש פון ים, געזען זיינע קאָנטורן. די כוואַליעס האָבן זיך געהויבן מיטן אָקעאַניש, בערגיק און לאַוועדיק, שאָדנפריידיקע אומגעהייערן, גרייט איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אַרויסצורייסן פון די ברעגעס, אַלץ צו פאַרפלייצן. זיי האָבן געברילט מיט ווידערשפּעניקייט, געבילט אויפ׳ן באַשעפער ווי טשאַטעס הינט, געשפּריצט ווייסן שוים אויף דער נאַכטיקער פינסטערניש. כ׳האָב מיט דעם לעצטן כח פאַרהאַקט דאָס פענסטער, אַראָפּגעלאָזט דעם ווענעציאַנער לאָדן, זיך אַראָפּגעזעצט אויפקלייבן די פאַרנעצטע ביכער און מאַנוסקריפּטן. ס׳איז מיר געוואָרן הייס און די שנירלעך וואַסער אויף מיין רוקן האָבן זיך



אויסגעמישט מיט שנירלעך שווייס. כ׳האָב אַראָפּגעשיילט פון מיר די מלבושים און זיי זענען געלעגן נעבן מיינע פיס ווי שאָלן. כ׳האָב אַ ווייל געהאַט דאָס געפיהל פון אַ באַשעפעניש וואָס איז ערשט נאָר אַרויס פון אַ קאָקאָן...

3

כ׳האָב געמיינט אַז דער שטורעם האָט שוין דערגרייכט דעם קלימאַקס, אָבער דער ווינט האָט געפייפט, געיאָמערט, געקלאַפּט ווי מיט מעכטיקע האַמערן, אַשטייגער ווי דער האָטעל וואָלט געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ שיף אויפ׳ן ים. עפּעס אין דעם געביי האָט זיך געריסן און געקראַכט: דער דאַך, דער פונדאַמענט, אָדער איינער פון די באַלקאָנען. אייזערנע שטאַנגען האָבן זיך געבויגן און געבראָכן. מעטאַל האָט געקרעכצט מיט אַ מעטאַלן קרעכצעניש. דאָס פענסטער האָט זיך געריסן פון דער ראַהם, גרייט יעדע רגע אַרויסצושפּרינגען, און די טאָרנאַדאָ זאָל מיך אַ כאַפּ טאָן אין געווירבל, וואַרפן כף־הקלע, פון ווינט־שטויס, צו ווינט־שטויס, אין וואַסערדיקע וויסטענישן וואָס קיין צוריקוועגס פון זיי איז נישטאָ. די שויבן האָבן געקלונגען. דער ווענעציאַנער לאָדן האָט זיך אונטערגעהויבן ווי אַ פאָרהאַנג (אָדער אַ פאַרטוך) און ס׳איז אַ ווייל געוואָרן ליכטיק מיט דער גרעלער שיין פון וועלט־חורבן. דערנאָך האָט געטאָן אַ זעץ וואָס האָט אַזש אַרויסגערופן אין מיר געלעכטער. מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזן אין חשכות אַ ווייס געשטאַלט. דאָס האַרץ האָט זיך מיר אָפּגעשטעלט. דער מוח האָט זיך מיר אַ שאָקל געטאָן אין שיידל. כ׳האָב שטענדיק געוואוסט אַז פריער אָדער שפּעטער וועט איינער פון יענע לייט זיך אַנטפּלעקן צו מיר לייביק־לעבעדיק, פול מיט גרוילן וואָס מ׳קאָן זיי קיינמאָל נישט דערציילן, ווייל קיינער קומט פון זיי נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. כ׳בין געלעגן אָנגעלאָדן מיט שטילשווייגעניש, גרייט אויפ׳ן לעצטן אַקט, נאָר כ׳האָב דערהערט אַ קול. ס׳איז געווען דאָס הייקערל, די קובאַנערין. זי האָט אַ זאָג געטאָן אין אַ געבראָכענעם ענגליש:

— זייט מוחל, כ׳האָב מורא! איר שלאָפט, האַ?

— ניין. קומט אַריין.

— אָ, כ׳האָב געמיינט כ׳וועל שטאַרבן פון שרעק! — האָט די קובאַנערין גערעדט. — אַזוינס האָב איך נאָך נישט דורכגעלעבט... איר זענט דער איינציקער מענטש אין האָטעל... פאַרגיט מיר וואָס כ׳שטער אייך —

— איר שטערט נישט. כ׳וואָלט געמאַכט ליכטיק, אָבער כ׳בין נאַקעט.

— מ׳דאַרף נישט, מ׳דאַרף נישט. ס׳איז מיר בלויז אומהיימליך צו זיין אַליין. דערלויבט מיר איבערצוואַרטן דעם שטורעם.

— געוויס. איר קענט זיך אַפילו צולייגן. איכ׳ל זיצן אויף דער שטול.

— ניין, איכ׳ל זיצן אויף דער שטול. וואו איז זי? אָ, כ׳זע גאָרנישט.

— וואַרט אַ סעקונדע.

כ׳בין אויפגעשטאַנען, געפונען אין דער פינסטער די קובאַנערין, זי צוגעפירט צו דעם פאָטעל. זי האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך מיר ווי בלינד, געצאַפּלט אין מיין אָרעם. כ׳האָב געוואָלט זיך דערנענטערן צו דער שראַנק און נעמען אויף מיר אַ מלבוש, אָבער כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אָן בעט און בין דערויף אַרויפגעפאַלן. כ׳האָב זיך אינדערגיך צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע, די פרעמדע זאָל נישט דערזען מיין נאַקעטקייט ווען ס׳וועט בליצן. ס׳האָט טאַקע באַלד געטאָן אַ בליץ און כ׳האָב זי געזען זיצן אויף דער שטול, אַ

פֿאַרזעעניש אין אַ צו־גרויס נאַכט־העמד, מיט אַ הויקער פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן, מיט צעקאָדלטע האָר, לאַנגע האָריקע הענט און קרומע פֿיסלעך ווי אַ שווינדזיכטיקע מאַלפּע. פֿון די אויגען אירע האָט אַרויסגעפּלאַטערט אַ חיה׳שע שרעק. כ׳האָב אַ זאָג געטאָן:

— האָט נישט קיין מורא. דער שטורם וועט באַלד אַריבער.

— יאָ, יאָ.

כ׳האָב אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן קישן, בין געלעגן שטיל, מיט דעם אויסטערלישן געפֿיהל אַז עפּעס אַ לץ גיט מיר נאָך אַלע מיינע פּאַרוועלענישן, אָבער אַזוי ס׳זאָל מיר אויספּאַלן באָקום. כ׳האָב געוואָלט זיין אַליין אין אַ האָטעל און אַזוי איז געשען. כ׳האָב פֿאַנטאַזירט פֿון אַ פֿרוי וואָס זאָל קומען צו מיר אויפֿ׳ן געלעגער (ווי רות צו בועז׳ן) און מ׳האָט מיר צוגעשיקט אַ פֿרוי. יעדעס מאָל וואָס ס׳האָט געטאָן אַ בליץ, האָבן מיינע אויגען זיך באַגעגנט מיט אירע. זי האָט זיך ווי איינגעגעסן אין מיר מיט איר בליק. זי האָט געשוויגן מיט דער שטילקייט פֿון אַ מכשפֿה. כ׳האָב מער פֿאָרכט געהאַט פֿאַר איר ווי פֿאַר דעם הוראַקאַן. כ׳האָב אַמאָל געהאַט באַזוכט קובאַ. די פֿינסטערע קרעפּטן באַזיצן נאָך דאָרט די אוראַלטע מאַכט. מערדער שטעכן אין רוקן אויס דער ריינער לוסט צו מאָרד. ווייבער פּאָרן זיך מיט סיפֿיליטיקער אין די בעטן פֿון די מאַנען. מ׳לעשט די טראָפּישע היץ מיט פֿייערדיקן שפּירט, מ׳פֿאַרטויבט זי מיט ניקאָטין. אַפֿילו די מתים לאָזט מען נישט געמאַך אין די קברים, נאָר מ׳גראָבט אויס זייערע ביינער. ס׳הילכן דאָרט אין די נעכט געשרייען פֿון קאַניבאַלן, געוויינען פֿון נקבֿות וואָס מ׳שפּרענקט זייער בלוט אויף געצנדינערישע מזבחות... כ׳האָב איצט גענומען ווי אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע מיר אַליין, בעטן ביי די וועלט־האַרן וואָס האָבן דאָס לעצטע וואָרט נישט צוצולאָזן די דאָזיגע קליפּה זאָל מיך בייקומען. שדי קרע שטן! — האָט עפּעס אין מיר געדופֿן. דערביי האָבן די דונערן געקנאַלט, דער ים האָט געברומט, זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ וואַסערדיק געלעכטער. די ווענט פֿון מיין צימער זענען געוואָרן שאַרלאַך־רויט און אין דער גיהנומ׳דיקער שיין האָט געלויערט די צויבערין פֿון קובאַ מיט אַן אָפֿן מויל, פֿוילע ציין, צויטיקע האָר, האָריקע פֿיס, פֿול מיט גוליעס און ביילן. דאָס העמד האָט זיך געהאַט ביי איר אַראָפּגערוקט און ס׳האָבן זיך נאָכגעבאָמבלט צוויי גערונצלטע ברוסטן. ס׳האָט איר בלויז געפֿעהלט אַ שנויץ און אַ ווידל...

כ׳בין, אַפּנים, געהאַט איינגעשלאָפֿן ווייל ס׳האָבן זיך מיר גע׳חלומ׳ט בערגיקע געסלעך, פֿאַרהעמערטע לאָדנס, אַ לקוי־חמה׳דיקע טונקלקייט, אַ שוואַרץ־שבת׳דיקע שטילקייט. פּראָצעסיעס זענען געגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער, מיט צלמים, טרומנעס, טאָפּלטע העק, ברענענדיקע שטורקאַצן. מ׳האָט געפֿירט צום באַגרעבעניש נישט איין טויטן, נאָר אַ סך טויטע, אַ גאַנצן פֿאַרטיליקטן שטאַם. ווייִרויך האָט גערויכערט. קולות האָבן אויסגעבלעקעצט אַ געזאַנג אַזאַ וואָס איז אינגאַנצן מעלאַנכאָליע. אין אַ רגע זענען די טרומנעס געוואָרן אָרונ׳ס און די אָרונ׳ס — ענליך צו תּפֿילין, שוואַרץ און גלאַנציק, מיט קניפּן און רצועות, געטאָפּלטע און גערדריטלטע, פֿאַר מתים צווילינגען, דריילינגען, פֿירלינגען, פֿינפֿטלינגען...

כ׳האָב געעפֿנט די אויגן און אַ געפּלעפּטער דערשפּירט אַז עמיץ זיצט אויף מיין בעט: די קובאַנערין. זי האָט גענומען רעדן אין איר געבראָכענעם ענגליש געדיכט און מיט רוגזה:

— שרעקט אייך נישט. כ׳וועל אייך נישט טאָן קיין שלעכטס. כ׳בין אַ מענטש, נישט אַ בעסטיע. מיין רוקן איז צעבראָכן, אָבער כ׳בין אַזוי



נישט געבוירן. כ׳בין קינדווייז פֿון אַ טיש אַראָפּגעפֿאַלן, און מיין מוטער איז געווען צו־אָרעם צו נעמען מיך צו די דאָקטוירים. דער פֿאָטער איז אַ שיכור, אַ פֿאַרדאָרבענער טייוול. ר׳האָט מיט הורן זיך אַרומגעשלענדערט און די מוטער האָט געמוזט ביי טאַבאַק אַרבעטן. זי האָט די לונגען אויסגעהוסט. וואָס ציטערט איר? אַ הויקער איז נישט קרעציק. איר׳ט זיך פֿון מיר נישט אָנשטעקן. כ׳האָב אַ נשמה גלייך ווי אַלע אַנדערע. מענער באַגערן מיך! — האָט זי פּלוצים געענדערט דעם טאָן. — מיין אייגענער באָס. ער האָט צוטרוי צו מיר און דעריבער האָט ער מיך דאָ איבערגעלאָזט אין האָטעל. איר זענט אַ איד, האַ? ער איז אויך אַ איד, אָבער אַ טערקישער. ער קאָן רעדן — ווי הייסט עס דאָרט? — אַראַביש. ער האָט מיט אַ דייטשקע חתונה געהאַט און זי איז אַ נאַציכע. איר פֿריערדיקער מאַן איז אויך אַ נאַצי. זי האָט גענומען שילטן דעם באָס און געפּרואוווט אים סמ׳ען. ער האָט זי אין געריכט אָנגעקלאָגט, אָבער דער ריכטער איז אויף איר זייט. אַוודאי אים אונטערגעקויפֿט, אָדער נאָך עפּעס ערגערס. מיין באָס מוז איר צאָלן — ווי רופֿט מען דאָס? — אַלימאָני...

— פֿאַרוואָס האָט ער באַלד מיט איר חתונה געהאַט? — האָב איך געפֿרעגט אַבי עפּעס צו זאָגן.

— האַ? ס׳געפֿעלט. מ׳פֿאַרליבט זיך. דער מענטש האָט בלוט אין די אָדערן, נישט קיין וואַסער. האָט איר קיינמאָל קיינעם נישט געליבט?

— יאָ.

— וואו איז זי? איר׳ט מיט איר חתונה געהאַט?

— ניין, מ׳האָט זי דערשאָסן.

— ווער?

— די זעלבע נאַציס.

— אַהאַ! און איר זענט געבליבן אַליין?

— ניין, כ׳האָב אַ ווייב.

— וואו איז זי?

— אין ניו־יאָרק.

— און איר זענט איר געטריי, האַ?

— יאָ, געטריי.

— אַלעמאָל?

— אַלעמאָל.

— איין מאָל מעגט איר פֿאַרברעכן!

— ניין, מיין טייערע, כ׳וויל אויסלעבן די יאָרן ערלעך.

— וועמען גייט אָן וואָס איר טוט? קיינער זעהט נישט.

— גאָט זעהט.

— נו, אויב איר רעדט שוין מיט גאָט, וועל איך גיין. אָבער איר זענט אַ ליגנער! אַ געמיינער ליגנער! ווען כ׳וואָלט נישט געווען קיין קריפּל, וואָלט איר נישט געווען אַזוי פֿרום... גאָט שטראָפֿט פֿאַר אַזוינע ליגנס... פֿאַרשאָלטענער אידיאָט!...

זי האָט געטאָן אַ שפּיי און מיך אָפּגעשפּיגן. זי האָט אַראָפּגעקלעטערט פֿון מיין געלעגער און געטאָן אַ טראַסק מיט דער טיר. איך האָב זיך גיך אָפּגעווישט, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעך שפּייעכץ. ס׳האָט מיך געבריט ווי ס׳וואָלט געווען הייס. כ׳האָב געשפּירט אין דער פֿינסטערניש ווי דער שטערן ווערט מיר אָנגעדראָלן. אין די באַקן האָט געברענט. ס׳האָט מיך געביסן אין פּנים און ס׳האָט מיך געצויגן מיט אַ ציעניש וואָס איך האָב

קיינמאָל פריער נישט געקאָנט, אַשטייגער ווי פּיאַווקעס וואָלטן זיך איינגעביסן אין מיין פלייש. כ׳בין אַוועק אין באָד־צימער זיך זייפן און וואַשן. כ׳האָב איינגענעצט אַ האַנטוך און צוגעלייגט צו מיין פּנים אַ קאָמפּרעס. כ׳האָב, ווייזט־אויס, פאַרגעסן אָן הוראַקאַן. ער האָט אויפגעהערט און כ׳האָב נישט געמערקט. כ׳בין איינגעשלאָפן ערשט פאַרטאָג און ווען כ׳האָב אויפגעוואַכט, האָט מיין זייגערל געוויזן פופצן מינוט צו עלף. כ׳בין אויפגעקומען מיט אַ פאַרשטאָפּטער נאָז, אַן ענגקייט אין האַלז, אַ ברעכעניש אין די קני. די אונטערשטע ליפּ איז געווען ווי צעביסן און פול מיט בלעטערלעך, אַזוינע וואָס מ׳קריגט פון אַ קאַטאַר. אויפ׳ן דיל איז געשטאַנען אַ פליעטש און ס׳האָבן זיך דערין געווייקט מיינע מלבושים. די אינזעקטן וואָס האָבן נעכטן געפונען ביי מיר שוץ, זיינען געלעגען אָדער געשטאַנען — טויט. כ׳האָב געעפנט דאָס פענסטער. די לופט האָט אַריינגעהויכט קילבלעך, דעמפּיק. דער הימל האָט זיך געשטרעקט הערבסטיק־גרוי און דער ים — אַ זילבערן־בלייערנער — האָט קוים זיך געוויגט אונטער דער אייגענער שווערקייט. כ׳האָב זיך ווי־ס׳איז אָנגעטאָן און בין אַראָפּ אונטן. הינטער דעם באַנק־טיש איז געשטאַנען דאָס הייקערל — אויסגעבלייכט, מאָגער, מיט צונויפגעצויגענע האָר, מיט אַ גרינקייט אין די אויגען. זי האָט געטראָגן אַ בלוזע מיט אַלט־מאָדישע שפּיצן. זי האָט מיך אָנגעקוקט שפּיזלדיק, זיך אָנגערופן:

— איר׳ט מוזן זיך אַרויסציען. דער באָס האָט נאָר־וואָס אָפּגערופן כ׳זאָל פאַרשליסן דעם האָטעל.

כ׳האָב אָפּגעוואַרט אַ ווייל.

— ס׳איז אפשר דאָ פאַר מיר אַ בריוו?

— קיין שום בריוו.

— זייט אַזוי גוט און גיט מיר דעם חשבון.

— קיין שום חשבון.

און זי האָט מיך אָפּגעמאָסטן קרום, שפּאָטיק, — אַ מכשפה וואָס דער כישוף איז איר נישט געראָטן, אַ שטילע שותפ׳טע צו די לאַפּיטוטן וואָס רינגלען מיך אַרום און צו זייערע הינטערליסטיקע קונץ־שטיקלעך...״

*

יעקב גלאַטשטיין

# לידער

## רגעס

די גאָרניט־געשעענע רגעס, אָן באַטייט,
די פראָטאָפּלאַזמען פון צייט,
זענען אָנגעגאָסן מיט גרינער פרייד.
מ׳דאַרף האָבן אַן אויער פאַר זייערע
געזאַנגיקע רייד,
פאַר דעם בליץ פון פאַרשווינד.
פאַר זייער פאַרלעש און צינד.

כ׳וועל זיי פון איצטער אָן האַלטן טייער,
זיך איינהערן אין זיי מיט טרויער.
זיי זענען דאָס קילע פייער,
פון מיין אָפּגעציטערטן דויער.



## אַ אידענע מיט אַ שווער געמיט

כ׳בין אַ אידענע מיט אַ שווער געמיט.
כ׳הויב נישט אָן צו פאַרשטיין דעם איד.
ער איז טאַקע תמיד געווען אַ פאַוואָליער,
אַ שלימזל, אַ לא יוצלח,
אָבער כל זמן ער איז נאָך נישט געווען
דער באַרימטער הערשעלע אָסטראָפּאָליער,
האָט ער אַכטונג געגעבן אויף אונדזערע פּיצלעך,
געזעסן אין דער היים,
מיט מיר אויך אַמאָל געמאַכט אַ שפּאַס.
איצט שענקט ער עס אַלץ אַוועק דער גאַס.
מיט מיר איז ער פאַרזויערט, פאַרטרויערט,
מיט מיר האַלט ער זיך אין גרויסן.
אַלע שפּיצלעך, אַלע וויצן
טראָגט ער אַוועק אין דרויסן.
ער קאָן אין שטוב נישט איינזיצן,
ס׳ציט אים אַרויס, ס׳ציט.

כ׳קאָן נישט פאַרשטיין דעם איד.
כ׳בין אַ אידענע מיט אַ שווער געמיט.

אַנומעלט האָב איך אים געזען אויפן מאַרק.
וויי, וויי, אַ גאַנצער יאַטעביע־דאַם,
אַרום איז פריילעך, אַ טאַראַראַם.
הערשעלע! הערשעלע!
ער דרשנט, ער זינגט, ער זאָגט,
ער לאַכט, ער מאַכט האַוואַיעס,
ס׳קאָנען אים אַפילו די פערד, די קי, די גאַיעס.
ער גיט אַ כאַפּ אַ שיקסע
זי קוועלט, זי איז זיך מחיה.
אָט איז ער אויף איר,
ממש ער דערשטיקט זי.
ער קריכט מיט די הענט.
איך בין אַ מבין,
כ׳זע דער גאַנצער מאַנספאַרשוין ברענט.
הערשעלע! הערשעלע!
הערשעלע איז אַרויס פון שטייג.
פאַרן אייגענעם ווייב האָט עס אַ פייג.
אין שטוב שרומפּט ער איין,
איז פרום און אָפּגעהיט.

כ׳הויב נישט אָן צו פאַרשטיין דעם איד.
איך בין אַ אידענע מיט אַ שווער געמיט.

זענען אַלע גרויסע לייט אַזוי?
איז דאָס די מאָדע?
דעם טאַלאַנט, די פרייד גיט מען יענעם,
דער גדול מאַכט זיך כלא ידע,
אַז אין שטוב איז אַ גיהנום,
דעם ווייב איז ווי און אוי.
דער מאַנסביל גייט אויף, בליט.

כ׳הויב נישט אָן צו פאַרשטיין מיין איד.
כ׳בין אַ אידענע מיט אַ שווער געמיט.

## און זאָג —

גיי אַרויס, פאַרשפּרייט עס און זאָג.
די הייליקייט פון שעפן דעם חבר
ביזן דנאָ פון זיין נויט,
דערשפּירן זיין שרעק אויף דיין הויט,
איז מער ווי דער באַפרידיקטער וואונדער,
פון אַ דריי מאָל געדאַוונטן טאָג.

מאַך פאַר זיך אַזאַ אַלטן סך הכל:
גיב אַוועק פון זיך אַלץ, לאָז זיך איבער — מעשר.
פרומקייט דערקענט מען
אין דעם געשטילטן שהכל,
איבער דעם געבענטשטן צמצום,
פון אַ קאַלטן טרונק וואַסער.

ווילסטו וויסן וואָס אַ גוטער איד איז?
אין דורכציטער פון גראָזן
פאַרנעם דאָס לשון פון יהידות.
הער אין גראָזן־מורמל
דיין בענקשאַפט נאָך דער מינדסטער מצווה.
זאָל דיר פון די גרעסטע תענוגים זיין ליבער,
דער פאַרהלשטער הונגער,
צו ווערן דער אליהו,
פאַר קליינע, טרויעריקע אידישע שטיבער.

## בלויז קול

כ׳וועל פאַר דיר ווערן בלויז קול,
אַז ס׳זאָלן דיך נישט שרעקן די שטילע ביינער מיינע,
אין טאָל פון אַש און פאַרברענונג.
די רייד מיינע וועלן קומען צו דיר,
מיט פריידיקער דערקענונג,



אויפגעוועקט און אויפגעזונגען.
דער זשאַווערדיקער גלאָק פון צייט
האָט זיי נישט פאַרקלונגען,
נישט זייער ניגון, נישט זייער טראָפּ.

אָן־גופיק די רייד,
אָבער אַריינגעטאָן אין זיי
אַלץ וואָס מעקט זיך קיינמאָל נישט אָפּ,
ווי דו געדענקסט מיך.
הער זיך איין אין קול.
פון געקייטלטער בענקשאַפט איז די פרייד.
פון געסנאָפּעטע פלאַמען,
די בענקשאַפט פון שטאַמען —
זייער פרייד, זייער פרייד.

*

אהרן צייטלין

# באַמערקונגען צו אַ פּראָבלעם

## I

ווען דאָסטאָיעווסקי איז צוגעטראָטן שרייבן זיין ראָמאַן „אידיאָט“, האָט ער געוואָלט פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען, וואָס קאָנען שטיין פאַר אַ פּראָזאַאיקער: ווי צו שילדערן אויף אַ קינסטלעריש איבערצייגנדיקן אופן אַן אידעאַלן כאַראַקטער, — אידעאַל, פאַרשטייט זיך, אויף אַזאַ שטייגער און אין אַזאַ גייסט, ווי עס שטעלט זיך דאָס פאָר דער שרייבער.

אין אַ בריוו פון יענער צייט, דער צייט פון די הכנות צום ראָמאַן, האָט דאָסטאָיעווסקי געשריבן: „שוין לאַנג ווי ס׳פּייניקט מיך אַן אידייע, נאָר כ׳האָב מורא צו מאַכן פון איר אַ ראָמאַן, וואָרום זי איז שווער און איך בין צו איר נישט צוגעגרייט, כאָטש זי ציט מיך שטאַרק צו און איז מיר ליב. אָט די אידייע איז — שילדערן אַ מענטש אַן אַבסאָלוט שיינעם. קיין שווערערע זאַך איז, לויט מיין מיינונג, גאָר נישט געמאָלט, באַזונדערס אין אונזער צייט“.

דאָס זעלבע זאָגט ער אין אַן אַנדער בריוו: „די הויפּט־אידייע פונעם ווערק איז צו שילדערן אַ דורכאויס שיינעם מענטש. אַלע שרייבער, נישט בלויז די אונזעריקע, אויך מערב־איראָפּעאישע, וויבאַלד איינער פון זיי האָט זיך אונטערגענומען צו שילדערן דאָס דורכאויסיק־שיינע — איז ער תמיד דורכגעפאַלן. וואָרום די אויפגאַבע איז אָן־גרענעצדיק. דאָס דורך־און־דורך שיינע איז אַן אידעאַל“.

ווי יעדער גרויסער קינסטלער, איז דאָסטאָיעווסקי געווען נישט נאָר אַ קונסט־פּראַקטיקער, נאָר — אויף זיין אייגענעם שטייגער — אויך אַ קונסט־טעאָרעטיקער. האָט ער געפּרואווט, אײדער ער איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, צוערשט פאַרענטפערן דאָס פּראָבלעם טעאָרעטיש. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף סערוואַנטעס׳עס דאָן קיכאָט, סערוואַנטעס׳עס העלד

איז אַ טיפּ אַ דורכאויס שיינער און געהויבענער; אָבער שיין איז ער — באַשליסט דאָסטאָיעווסקי — דערפֿאַר, וואָס ער איז אין דער זעלבער צייט קאָמיש. וואָלט ער, הייסט, געשילדערט געוואָרן בלויז אין זיין גייסטיקער שיינקייט, וואָלט ער געבליבן אַ סכעמע; גראָד דאָס קאָמישע דערנענטערט אים צום לייענערס האַרץ, מאַכט קענטיק דאָס שיינע און לאָזט זען דעם העלדס געשטאַלט. דיקענס׳עס פּיקוויק איז אַן אידייע אָן אַן ערך אַ שוואַכערע ווי די דאָן־קיכאָט־אידייע, אָבער אויך פּיקוויק פאַנגט דעם לייענער מיט דעם עלעמענט פון קאָמיזם. אין ביידע פאַלן ווערט אין דעם לייענער אַרויסגערופן מיטגעפיל צו אויסגעלאַכטער גייסטיקער שיינקייט, וואָס דערקענט נישט איר אייגענעם ווערט. אָט די סימפּאַטיע איז דער סוד פון הומאָר. אַזוי גלויבט דאָסטאָיעווסקי דער אַנאַליטיקער. ער גייט ווייטער אין זיין אַנאַליז. אַ שטאַרקער פּרואוו אין דער ריכטונג איז אויך זשאַן וואַלזשאַן. אָבער זשאַן וואַלזשאַן רופט אַרויס סימפּאַטיע מחמת זיין שרעקלעכן אומגליק און דער אומ׳יושר׳דיקייט פון דער געזעלשאַפט. אין דער געשטאַלט פונעם „אידיאָט״, דעם אידעאַלן פירשט מישקין, דאַרף — ווי דאָסטאָיעווסקי שרייבט — גאָרנישט זיין פון די אַלע זאַכן. מיר פילן, אַז שילדערן זיין מישקינ׳ען הומאָריסטיש וואָלט דאָסטאָיעווסקי נישט געוואָלט און נישט געטאָרט, מחמת אין דעם פאַל איז דאָס אַבסאָלוט־שיינע דאָס זעלבע וואָס דאָס הייליקע, — דאָס הייליקע אַזוי ווי דאָסטאָיעווסקי האָט עס פאַרשטאַנען און געוואָלט קינסטלעריש פאַרקערפּערן. צום סוף באַשליסט דאָסטאָיעווסקי אַרויסצורופן דעם לייענערס סימפּאַטיע פאַר זיין העלד דערמיט, וואָס ער וועט אים באַשענקען מיט הילפלאָזער אומשולד. מישקין איז רירנדיק נאַאיוו. דער עיקר: זיין האַרץ בלוטיקט פאַר יענעם. ער טראַכט־אַריין אין נישט־זיינע פּראָבלעמען אַפילו אין די טראַגישסטע מינוטן פון זיין אייגן לעבן. ער וויל שטעלן דעם צווייטן מענטש אויף די פיס, וויל ראַטעווען און אַרויסהעלפן. אַליין אַ קינד, איז ער באַשאָנקען מיט דער קלוגשאַפט — און דעם רחמנות — פון איינעם, וואָס איז מחוץ עגאָ־לײדנשאַפטן. ער לאָזט־איבער אַ העלע שפּור אינעם לעבן פון יעדן איינעם, וואָס קומט מיט אים אין באַרירונג.

צו דערגרייכן דעם ציל, צו מאַכן זיין אידעאַלן פירשט מישקין וואָס מער בשר־ודמ׳יק, האָט דאָסטאָיעווסקי צוגעטראַכט כלערליי מיטלען, וואָס זאָלן נענטער־מאַכן צום לייענערס האַרץ זיין „אדם־המעלה״. זיין אידעאַלער מענטש איז קראַנק, איז עפּילעפּטיש, איז „פּאָרמעל״ אַן אידיאָט. נישט ער, נישט עמעצער אַרום אים ווייס פון זיין הייליקייט, כאָטש די און יענע זיינען חושד, אַז עפּעס איז דאָ „נישט גלאַט״ און די פאַרליבטע אַגלאַיאַ האָט אַפילו דאָס געפיל, אַז ער, דער פירשט מישקין, איז „דער הויך־שפּיץ פון שלימות״. דאָס הייליקע אויף דער ערד איז הילפלאָז — און מישקין איז הילפלאָז און פּאַסיוו. דערביי קאָן ער נישט אויסדריקן די טיפעניש פון זיין געמיט. ער איז בעצם אַ שטאַמלער. זיין הילפלאָזיקייט דאַרף דעם לייענער אָננעמען ביים האַרצן, ווען מישקין אַליין, אינגאַנצן פּאַסיוו, ווערט אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ טראַגישן ראָמאַן מיט צוויי פרויען.

## 2

האָט דאָסטאָיעווסקי דערגרייכט זיין ציל? אין פּריוואַטע בריוו האָט ער געריסן פּאַסן פון זיין אייגענעם ווערק. ער שרייבט, אַז דער ראָמאַן איז צעצויגן, אַז ער איז געשריבן־געוואָרן אין איילעניש, אַז ער דריקט נישט



אויס אַפילו אַ צענט־חלק פון דעם, וואָס ער, דאָסטאָיעווסקי, האָט געהאַט בדעה אויסצודריקן. ער זאָגט אין אַ בריוו, אַז ער וואָלט אַ בעלן געווען אָנצושרייבן אַ קריטיק קעגן זיך אַליין. אויף אַן ענלעכן שטייגער איז טאָלסטאָי געווען אַ בעלן אָנצושרייבן אַ שאַרפע קריטיק קעגן — טאָלסטאָי׳ען, דהיינו, קעגן זיינער אַ באַוואוסטער און פיל־געלויבטער דערציילונג („דער בעל־הבית און דער אַרבעטער״).

אין דער זעלבער צייט זאָגט דער מחבר פון „אידיאָט״, אַז ער זאָגט זיך פון זיין ראָמאַן נישט אָפּ און אַז ער האָט נאָך אַלץ ליב זיין „נישט־געלונגענע אידייע״. טייל קריטיקער האָבן געהאַלטן, אַז די זאַך בכלל, דער הויפּט־העלד מישקין בפרט, איז „פאַנטאַסטיש״. דאָסטאָיעווסקי אַליין האָט געהאַלטן, אַז זיין העלד איז ביידע זאַכן: אי פאַנטאַסטיש, אי רעאַל — רעאַל אין דעם זין, וואָס יענע שיכטן פון רוסלאַנד׳ס געזעלשאַפט, וואָס צו זיי געהערט מישקין, „ווערן אין דער אמת׳ן פאַנטאַסטיש״. ווייבאַלד אַזוי, איז שוין מישקין אַ רעאַל־מעגלעכער כאַראַקטער. זיין פאַנטאַסטישקייט איז אַ טייל פון אַ רעאַליטעט, וואָס פאַרלירט די אָנגענומענע שטריכן פון רעאַלקייט.

ס׳איז פון דאָסטאָיעווסקי׳ס זייט געווען זייער אַ שוואַכער תירוץ. ס׳איז דאָך דאָסטאָיעווסקי׳ן נישט געגאַנגען אין סאָציאָלאָגיע. מיט וואָס געהערט דער אידעאַלער העלד זיינער, מישקין, צו אַזאַ שיכט אָדער אַן אַנדערער? ס׳איז קלאָר: ער איז מחוץ אַלע שיכטן. לאָמיר־זשע אַ קלער־טאָן וועגן דעם, פאַרוואָס עס איז דאָסטאָיעווסקי׳ן אויף־אַן־אמת נישט געלונגען זיין „אידייע״. מיר האָבן שוין געהערט דאָסטאָיעווסקי׳ן זיך באַקלאָגן, אַז ער שטעלט זיך אַן איבער־מענטשלעכן — אָדער איבער־שרייבערישן — ציל. ער האָט אויך געוואָלט, ווי מיר האָבן געזען, אויסמיידן הומאָר, וואָס איז — לויט זיין אַנאַליז — אַ סגולה־בדוקה צו דערוועקן אין דעם לייענער אינטערעס און סימפּאַטיע פאַר אַ געהויבענער פיגור. זיינען דאָס אַלץ זאַכן, וואָס מ׳דאַרף נעמען אין באַטראַכט. פאַראַן אָבער, דאַכט זיך מיר, נאָך אַ סיבה — אַ טיפערע. צו באַנעמען אָט די טיפערע סיבה פון דאָסטאָיעווסקי׳ס געניאַלן דורכפאַל (גאונים פאַלן דורך גאוניש), דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז אין זיין קורצער דערציילונג „אַליאָשאַ גאָרשאָק״ (אַליאָשאַ דאָס טעפּל) האָט טאָלסטאָי אויף אַ פולן קינסטלערישן אופן פאַרענטפערט די זעלבע פראַגע, וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט זי אין זיין ראָמאַן פאַרענטפערט בלויז טיילוייז. אין תוך איז ביידע שרייבער געגאַנגען אין איין זאַך: אין שילדערן אידעאַלע, נישט־דערקענטע הייליקייט (אַנדערש ווי אין טאָלסטאָי׳ס „אָטיעץ סערגי״, וואו די הייליקייט איז אַ באַוואוסטזיניקע). טאָלסטאָי׳ען האָט זיך זיין דערציילונג שטאַרק איינגעגעבן און נישט בלויז דערפאַר, וואָס די עצם ראַם איז געווען אַ שמאָלע, גאָר אָן אַ פאַרגלייך מיט די גרויסע דימענסיעס פון דאָסטאָיעווסקי׳ס ראָמאַן, און דער פאַרמעסט אַ סך באַשיידענער, נאָר אויך דערפאַר, וואָס טאָלסטאָי איז דאָ נישט געווען — ווי דאָסטאָיעווסקי אין זיין „אידיאָט״ — אַ וואַנדערער אויף דער גרענעץ פון צוויי רעאַליטעטן.

אַחוץ אין דעם לעצטן זאַץ פון „אַליאָשאַ גאָרשאָק״, וואָס אָטעמט מיט דער מאַיעסטעט פון מיסטעריע, איז דאָ טאָלסטאָי, ווי אומעטום, אויסגעהאַלטן רעאַליסטיש, בעת אין דאָסטאָיעווסקי׳ס ראָמאַן איז פאַראַן עפּעס אַ נישט־דעצידירטקייט, אַ מורא צו זיין אָפן „פאַנטאַסטיש״ דאָרט, וואו רעאַליזם ווי אַ שרייב־מעטאָדע הערט בכלל אויף צו דינען. טאָלסטאָי איז אויסגעהאַלטן אין זיינע אייגענע ראַמען. דאָסטאָיעווסקי וויל זיין אי רעאַליסטיש,

אי דאָס, וואָס סיי זיינע קריטיקער, סיי ער אַליין האָבן באַצייכנט ווי פאַנטאַסטיש. דער אמת איז, אַז דאָ האָט זיך גאָרנישט געהאַנדלט אין פאַנטאַסטיק, נאָר אין אַ שילדערונג — פאַראַלעל מיט דער אָנגענומענער רעאַליטעט — פון אַ רעאַליטעט אַ העכערער. דאָס לעצטע איז אָבער געקומען צום אויסדרוק בלויז אין דער באַשרייבונג פון מישקינ׳ס אַן עפּילעפּסיע־אָנפאַל פלוס רמזים דאָ און דאָרט. אָט דאָ, גלויב איך, דאַרף מען זוכן דעם טיפערן שורש פונ׳ם דורכפאַל. אמת, דער ראָמאַניסט וואָלט געדאַרפט ווערן אַ פּאָעט, נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? סיי־ווי־סיי איז דאָסטאָיעווסקי אַ פּאָעט, וואָס באַנוצט זיך מיט דער ראָמאַן־פאָרם, פונקט ווי שעקספּיר איז קודם־כל אַ פּאָעט, וואָס באַנוצט זיך מיט דער פאָרם פון דראַמע.

*

אפרים אויערבאַך

# דער בלויער פויגל

(פון דער פּאָעמע „אלה תולדות אפרים")

אַפילו, אַז זיין בלאָען פויגל וואָלט מעטערלינק
שוין אויסגע׳חלומ׳ט, וואָלט די מאַמע נישט געוואוסט,
בפרט נאָך, אַז ביי אים איז ער נאָך געווען אַ שמעטערלינג,
צי גאָר אַ לאַרווע, וואָס קריכט אַרויס ערשט פון אַ קוסט.

געווען איז אָבער, אַז דער מאַליער איז געקומען
אַ רעד־צו־טאָן פון אויסמאָלן די נייע שטוב,
האָט באַלד געזאָגט די מאַמע: נישט קיין בלומען
און נישט קיין טראַפּאַרעטן מיט אַ קנופּ.

— וואָס דען וואָלט איר געוואָלט? דעם פויגל פון גן־עדן? —
האָט אויפגעמישט דער מאַליער טראַפּאַרעט נאָך טראַפּאַרעט.
דערמאָנט האָט זיך די מאַמע אינעם בלאָען זיידן,
וואָס פון אַ פויגל האָט ער איר זומערדיק גערעדט.

דעם זיידנס באָרד איז ווייס געווען, אַזש בלאָלעך,
די אויגן האָבן זיך ביי אים מיט בלאָקייט צוגעדעקט.
אויף יענער זייט, דער דניעסטער האָט געברומט אַ וואָלעך,
אויף דער זייט האָט ער פייגל רוישיק אויפגעוועקט.

— אָט האָט איר, שוחט׳קע, אַ טראַפּאַרעט אַ פויגל,
אַזעלעכן וועט איר נישט זען דאָ־הי.
דער פויגל איז געזעסן אויף אַ טאָמנע סטויגל,
אַ גאָלדיק־רויטלעכער, אַ מידער פונעם פלי.



באַטראַכט האָט אים די מאַמע. צוגעמאַכט די אויגן.
צוריק געעפנט און געזאָגט: דער פויגל, ער איז דאָ...
די אויגן ווידער צוגעמאַכט: ער וועט נישט טויגן...
— פאַרוואָס עפּעס? — זאָגט די מאַמע: ער דאַרף זיין בלאָ.

וואָס האָט געזען די מאַמע מיט אויגן צוגעמאַכטע,
מיט קינדערישן שמייכל אויף די ווינקלען מויל?
דעם זומער, מיטן דניעסטער אין פאַרנאַכטן,
וואָס האָט זיך בלאָ געוועבט אין זוניק־רויטן קנויל?

און אפשר גאָר דעם זיידן, מיט דער באָרד דער בלאָער,
בעת ער האָט די מעשה פונעם פויגל איר פאַרטרויט?
איר מיידל־חלום אפשר, בלאָ און כולו טהור,
וואָס האָט פאַררויטלט איר די אַליוו־ריינע הויט?

דער מאַליער האָט גע׳טענה׳ט: ווי וועט ער דאָס בלאָעכץ מישן?
— אַ בלאָער פויגל, שוחט׳קע, אַזאַ איז גאָר נישטאָ...
איך האָב דאָ טראַפּאַרעטן אפשר הונדערט,
און ווער האָט גאָר געזען אַ פויגל זאָל זיין בלאָ?

אַריינגעקומען איז דער טאַטע: פאַרטיק, חיה?
שוין אויסגעקליבן פאַר דער שטוב אַ טראַפּאַרעט?
— זי וויל אַ בלאָען פויגל און איך טו רק איר בריען...
— אַ בלאָער פויגל? וואָס איז דאָ דער חטא?

דער מאַליער האָט גע׳טענה׳ט: ווי וועט ער דאָס בלאָעכץ מישן?
און היינט, די וועלט וועט זאָגן, אַז ער איז גאָר אַ פּאַרטאַטש...
דעם שטערן האָט ער פאַרטראַכט געקנייטשט און אינצעווישן
דערלאַנגט זיך אינעם שטערן אַזש אַ פּאַטש.

— איך האָב עס, — האָט ער פריילעך אויסגעשריגן,
די אויגן האָבן זיך ביי אים מיט פלאַם צעשפּילט,
די הענט האָט ער צעשפּרייט, ווי ציטערדיקע פליגל:
— אַזוי לעבן זאָל איך, ווי איך האָב עס ערשט דערפילט...

— דערפילט? — האָט אים געפרעגט דער טאַטע מיט אַ שמייכל.
נאָר ס׳האָט דער מאַליער נישט געהערט און נישט געזען,
די אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ דינעם רייכל
און הינטער דעם געפינקלט האָט אַ ברען.

די מאַמע, צוגעמאַכט די אויגן ווידער,
האָט שטיל געשעפּטשעט: דער בלאָער פויגל פליט...

מיט פרומקייט, ווי מה טובו פונעם סידור.
מיט פויגלפלי האָט זיך די שטוב צעבליט.

דער מאַליער האָט דערווייל זיין חלום אויסגע׳חלומ׳ט
פון פאַרבן, טראַפּאַרעטן, באַרשט און שמיר,
געשטאַנען ווי אַ טראַפּאַרעט, כאָטש נעם באַמאָל אים
מיט בלאָער פאַרב און רויטלעכן קאָליר.

— צו קאַלעכבלאָ, דער׳חלומ׳ט ער זיך מיט התלהבות,
נאָר צומישן דעם אמתן, דעם פערווי סאָרטנעם אולטראַ־מאַרין...
און ווי אַ באַלעבאָסטע אין קיך מישט די פּאָטראַוועס,
אַזוי מישט ער דאָס בלאָ און גיט נאָך צו אַ טראָפּן גרין.

צום ערשטן טראַפּאַרעט איז דער פויגל געווען נאָך אַשיק,
צום צווייטן — בלאָלעך, ווי דער הימל אין קאַיאָר,
צום דריטן האָט דער סטויג געגאָלדיקט ראַשיק
און איבער אים דער פויגל — מיטנטאָגיק־בלאָ און קלאָר.

די פליגל אויסגעשפּרייט, ווי באַלד וועט ער אַ פלי־טאָן,
דער שנאָבל גרינלעך און די אויגן זוניק־געל, —
אָ, פויגל בלאָער, ווער וועט דיך דערהיטן,
אַז דו זאָלסט נישט פאַרפליען מיט דיין שטאָלצן שטעל.

דער בלאָער פויגל איז פון אַלע ווענט געפלויגן,
די שטוב די שוחטישע איז פול געווען מיט פלי,
דאָס ביסל זון אין שטוב האָט ער אַרויסגעזויגן,
געווען איז אַלעמאָל פאַרנאַכטלעך, צי פאַרפרי.

דער׳חלומ׳ט האָט די מאַמע שוין דעם חלום אירן,
דעם בלאָען פויגל אויסגעשעפּט שוין ביזן דנאָ,
און פאַר די אויגן האָבן איר געציטערט אַנדערע קאָלירן:
דאָס גאָלד פון סטעפּעס און די זון, וואָס איז נישטאָ.

דער בלאָער פויגל, האָט זי שטיל געבעטן,
איז נאָר געווען אַ טעות... סע האָט זיך מיר געדאַכט...
און ווידער האָט געבראַכט דער מאַליער טראַפּאַרעטן
מיט זונרויזן און קווייטן, וואָס האָבן ווי געלאַכט.



מלך ראַוויטש

# אַ בריוו צו מיין זון

ליבער זון מיינער,
וואונדערלעכע קרוין
פון מיין זיין,
דאָס שרייב איך דיר דעם בריוו
פון דער שטאָט: דערגרייך —
און די דאַטע איז פשוט: שוין —
און דאָס לאַנד איז: קעניגרייך
לעצטע רו.
יאָ — רו פון מיין איך ,
פון מיין איך — דו.

ס׳איז אַ וואונדערלעך לאַנד,
לאַנד פון לעצטער רו,
לאַנד — פון אַלץ איז קלאָר —
ניינטויזנט ניינהונדערט
ניינציק און ניין
ענטפערס זינגען שוין שירה אין מיר
און פעלן פעלט נאָר
איינאיינציקער ענטפער
צו פולע צענטויזנט.
און אויך דער וועט זיין קלאָר,
נאָך אַ שעה, נאָך אַ טאָג, אַ חודש,
אַ יאָר —
אויב גאָט וועט זיין גנעדיק.

און אַן איינציקער גלוסט
איז נאָך דאָ אינעם האַרץ,
אין דער ברוסט,
ס׳איז דער ווילן
צו זיצן אַזוי זיך
אין וואַרעמען ליכט פון דער זון,
אויף מיין פנים זאָל שפילן
אַ שטראַלן־שפיל
ביז צום טיפן האַרץ —
נאָר אין האַרץ איז שוין שטיל —

אויפן טיש פאַר מיר זאָל שטיין
אַ דינער כוס
מיט וואַסער קלאָר, קרישטאָל,
און דער כוס זאָל דערמאָנען,
אַז אַמאָל, אַמאָל
איז ליכט געוועזן דאָס ערשטע
פון באַשאַף —
און דאָס צווייטע — וואַסער.

און אַז איך וועל אויסשטרעקן
צום כוס מיינע הענט,
זאָל זינגען דער כוס
דאָס געזאַנג פון גאַנג
צוריק,
עלעמענט נאָך עלעמענט.

ליבער זון מיינער,
וואונדערלעכע קרוין,
דיין פאָטער איז שוין
געקומען צום סוף,
אָבער דער סוף
איז געקומען צום אָנהויב צוריק.
צוריק קומט דער שטראַל
צו דער זון
און דאָס וואַסער צום קוואַל.

און אָט אַזוי וויל דיין פאָטער
שוין פאַרברענגען דעם רעשט
פון דעם וואונדער פון זיין צייט,
וואָס צינדט זיך און לעשט,
וואָס לעשט זיך און צינדט,
טאָג־אַרויס, טאָג־אַריין
מיט די לעצטע שטראַלן פון זיין.

ס׳איז אַן אייביקע שפּיל
אין דער וועלט —
איך־אַרויס — דו־אַריין,
דו־אַרויס — איך־אַריין,
דו און איך,
איך און דו,
רו און אומרו,
אומרו און רו,
ווי לאַנג איז דען ערשט,
און געווען בין איך דו
פון מיין פאָטערס איך —
און אַצינד —
דו ביזט מיין דו.

נאָך אַ יאָר און אַ יאָר
און דו וועסט זיין איך
אין דיין דו,
און דו וועסט זיין רו
און אומרו דיין קינד.

זון מיינער,
דיין פֿאָטער, דער דיכטער
פֿון אייביקן ניכטער
איז שיכור סוף כל סוף,
ער איז שיכור מיט רו
און ער הויבט אויף דעם כוס
און ער טרינקט די תיו,
דעם לעצטן אות,
און ווי ער פֿאַרשלינגט דעם לעצטן
שלונג
גיט אַ שפּרונג
אויף זיין פּנים
אַן אַלף
און שטראַלט,
און שטראַלט.
און אין גוף ווערט אַ רגע קאַלט,
און עמיץ דעקט מיך איין מיט רו,
ביזט דו עס — מיין דו?
איך גיב דיר מיין איך — מיין זון
און מאַך די אויגן צו.
1957

*

שמחה לעוו

## אחד העם — דער רעדאַקטאָר פֿון „השלח"

(שטריכן צו זיין מאָראַלער פּערזענלעכקייט)

אין אויגוסט 1896 האָט אחד העם געגרינדעט זיין זשורנאַל „השלח". דריי יאָר האָט געדויערט דאָס צוגרייטן דעם זשורנאַל. אויפֿן ערשטן יאָר האָט ער זיך פֿאַרזיכערט מיט דעם, וואָס וו. ק. וויסאָצקי האָט גענומען אויף זיך דאָס אויסהאַלטן דעם זשורנאַל אויף איין יאָר צייט. דאָך האָט אחד העם זיך כסדר געראַנגלט מיט דער פֿראַגע, צי ער וועט קענען אויסהאַלטן. כאָטש דער „השלח" איז געווען באַשטימט בעיקר פֿאַר רוסלאַנד פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט אַריינגענומען כמעט דאָס גאַנצע מזרח־אייראָפּעאישע אידנטום; כאָטש עס איז געווען אַ פּולבלוטיק אידיש לעבן מיט שרייבן זיך בריוו נאָר אין העברעאיש, און כאָטש עס איז געווען נאָכן שטורעם פֿון דער השכלה, נאָך די אַכציקער יאָרן מיט די חובבי ציון און עם־עולם־באַוועגונגען און נאָך דער נאַציאָנאַלער אויפֿוואַכונג און אויפֿרודערונג וואָס זיי האָבן אַרויסגערופֿן — איז אחד העם קיינמאָל ניט געווען זיכער, צי זיין זשורנאַל וועט קענען דערשיינען רעגולער דעם קומענדיקן יאָר.

אחד העם, ווי עס פֿירט זיך ביי אידן, איז אייגנטלעך געווען אי דער רעדאַקטאָר, אי דער פֿאַרלעגער, אי דער „רידער", אי דער קאָרעקטאָר און אַ צייט אַפֿילו דער עקספּעדיטאָר פֿון „השלח". צי עס איז געווען אָנגעגעבן, אַז וו. ק. וויסאָצקי גיט אַרויס די שריפֿט, אָדער „אחיאסף" איז אָנגעגעבן געוואָרן פֿאַרן פֿאַרלעגער, דער פּראַקטישער אַרויסגעבער איז געווען אחד העם. זיין גאַנג איז געווען, יעדעס יאָר האָט ער זיך פֿאַרזיכערט מיט געלט פֿאַרן יאָר. און אַזוי האָט אחד העם זיך געפֿירט: יעדער חודש, צו ראש חודש, גייט אַרויס אַ העפֿט. עטלעכע העפֿטן שטעלן צוזאַמען אַ באַנד און אַזוי ווערן זיי נומערירט: ערשטער באַנד, ערשטע העפֿט וכו'.

אין דער איינטיילונג ליגן צוויי כוונות: ערשטנס, די זיכערקייט, אַז וואָס מען וועט פֿאַרעפֿנטלעכן אין „השלח" וועט האָבן מער ווי אַ צייטווייליקע ווערט, עס דאַרף פֿאַרבלייבן לדורות; צווייטנס, די האָפֿענונג, אַז דער „השלח" איז געקומען אויף „פֿאַרבלייבן", ווי מען זאָגט עס איצט. זיכער דאַרף מען זיין כאָטש אויף אַ יאָר, האָפֿן דאַרף מען אויף יאָרן און יאָרן.



און שווערקייטן זיינען געווען אָן אַ שיעור. דער „השלח" האָט זיך בשום אופֿן ניט געקענט אויסהאַלטן, ער איז בשום אופֿן ניט דערגאַנגען צו דער צאָל פֿון 1250 אַבאָנענטן, וואָס וואָלט געווען גענוג, לויט אחד העמס רעכענונגען, אויף אויסהאַלטן די שריפֿט. שטענדיק איז די צאָל געווען צווישן אַכט הונדערט און ניין הונדערט. און שטענדיק האָט אחד העם געשריבן צו זיינע ליטעראַרישע מיטאַרבעטער און זיי אויפֿגעפֿאָדערט, זיי זאָלן זיך צואיילן מיט געבן די איבעריקע טיילן פֿון זייערע אַרבעטן, זיי זאָלן נאָך אַריין אין די העפֿטן פֿון דעם יאָר, ווייל „איך ווייס ניט צי איך וועל קענען אַרויסגעבן דעם 'השלח' קומענדיקן יאָר". עס איז דער כאַראַקטעריסטישער גורל פֿון אַ אידישער צייטשריפֿט, צי עס איז אין אידיש אָדער העברעאיש, צי עס איז איצט אָדער מיט פֿינף און זעכציק יאָר צוריק.

רעדאַגירט האָט אחד העם די שריפֿט אין אָדעס. געדרוקט האָט ער זי אין איצקאָווסקיס דרוקעריי אין בערלין. בלויז די ערשטע עטלעכע מאָנאַטן איז אחד העם געזעסן אין בערלין און אַכטונג געגעבן אויפֿן דרוק. ער האָט זיך געפֿילט איינזאַם און „צווישן גוים". „שוין מער ווי אַ וואָך זוך איך אַן איבערשרייבער פֿאַר עטלעכע אַרטיקלען וואָס מיין אויסמעקן איז גרעסער ווי דאָס וואָס דער מחבר האָט אָנגעשריבן, און קען ניט קריגן אין אָט דער 'גויישער' שטאָט".

אין אַ יאָר אַרום נאָכן דערשיינען פֿון „השלח" קומט פֿאָר דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס. עס אַנטשטייט דער פּאָליטישער ציוניזם. אחד העם נעמט אַ נעגאַטיווע שטעלונג צום הערצל־ציוניזם. ער פֿאַרטרעט דעם מזרחדיקן, דעם „חיבת ציון" ציוניזם. דער „השלח" ווערט דער אויסדריקער פֿון אַזוי גערופֿענעם גייסטיקן ציוניזם, כאָטש ער דרוקט אויך אַרבעטן פֿון אָנהענגער פֿון הערצל־ציוניזם. וואָלט דאָך על פּי שכל דער טיראַזש פֿון „השלח" באַדאַרפֿט וואַקסן, איז אָבער אַזוי ניט געשען. דער געראַנגל פֿאַר עקזיסטענץ איז געבליבן ווי געווען.

דאָס דרוקן אַ שריפֿט וואָס איז בעצם רעדאַגירט געוואָרן אין רוסלאַנד און איז געווען באַשטימט איבערהויפּט פֿאַרן אידישן לייענער אין רוסלאַנד, דאָס דרוקן אַזאַ שריפֿט אין בערלין איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון די ספּעציפֿישע באַדינגונגען אין צאַרישן רוסלאַנד. מען האָט אין סוף פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט בשום אופֿן ניט געקענט האָפֿן אויף באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ שריפֿט פֿאַר אידן אין רוסלאַנד גופֿא סיידן מען האָט געהאַט גאָר שטאַרקע פֿאַרבינדונגען מיט די רעגירנדיקע קרייזן, וואָס אחד העם האָט זיי ניט געהאַט. אַז מען האָט זיך שוין געקליגלט און אַרויסגעגעבן די שריפֿט אין אויסלאַנד, האָט מען געמוזט זאָרגן וועגן דעם באַקומען פֿון דער מאַכט אַ דערלויבעניש פֿאַר דער שריפֿט אַריינצוקומען קיין רוסלאַנד. אחד העם האָט געהאַט די שטיצע פֿון וו. ק. וויסאָצקי, דעם באַלעבאָס פֿון דער גרויסער וויסאָצקי טיי־פֿירמע. דער צענזאָר לאַנדע האָט באַקומען אַ סומע געלט נאָך אײדער דער „השלח" איז דערשינען. פֿאַר יעדער העפֿט וואָס ער האָט דורכגעלאָזט האָט ער ווידער באַקומען אַ געוויסע סומע; דערצו פֿלעגט אחד העם אים צושיקן יעדן אַרטיקל וואָס ביי אים איז געווען אַ ספֿק צי דער צענזאָר וועט עס דורכלאָזן. ער פֿלעגט צושטעלן די אַרטיקלען פֿאַר פֿאָר־צענזור. געווען פֿאַלן וואָס דער צענזאָר פֿלעגט אַרויסנעמען גאַנצע טיילן פֿון אַ מאמר, אַזוי אַז אין דער לעצטער מינוט האָט מען געמוזט אַרויסנעמען אַ גרעסערע אַרבעט פֿון דער העפֿט און פֿאַרבייטן מיט עפּעס אַנדערש. אחד העם, וואָס האָט מקפּיד געווען, אַז דער „השלח" זאָל אַרויס יעדן ראש

חודש, האָט שטענדיק געהאַט צוגעגרייט עפּעס צום דרוק „אויף וואָס עס זאָל ניט געשען". אָט אין די באַדינגונגען האָט מען געדאַרפט אַרויסגעבן אַ שריפט און זען אַז זי זאָל האָבן אַ פּנים. און דער „השלח" האָט געהאַט זיין פּנים.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אחד העם קלאָגט זיך, „איך לייען אַרטיקלען וואָס זיינען פול מיט נאַרישקייטן, איך פאַרריכט און גרייט־צו צום דרוק זאַכן, וואָס פריער (איידער איך בין געווען רעדאַקטאָר — ש. ל.) וואָלט איך גאָרניט געהאַלטן אַז זיי זיינען ווערט געדרוקט צו ווערן און שטיי אין אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט שרייבער וואָס זייער וויסן (השכלתם) איז ניט ווערט קיין פּרוטה".

אחד העם האָט באַטראַכט דעם „השלח" פאַר אַ פרייער טריבונע. אויב עמעצער האָט וואָס צו זאָגן און זאָגט עס אַזוי, אַז עס לאָזט זיך הערן — זאָל ער קומען און זאָגן. „איך האָב ניט פאַרשלאָסן די טיר פאַר מיינונגען וואָס שטימען ניט מיט מיינע אָנשויאונגען, אויב נאָר זיי ווערן אַרויסגעזאָגט מיט ערנסט און וויסן". אחד העם באַקעמפט דעם געדאַנק פון דער רעדאַקציע און דעם רעדאַקטאָר דעם אַלץ־ווייסער און אַלץ־באַשטימער. ער שרייבט: „אָן רעכענען זיך מיט אויטאָריטעטן (בלי שום משא פּנים) וועט דער „השלח" געבן אַן אָרט פאַר געדאַנקען וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט מיט ערנסט, אויפ־ריכטיקייט און אָן דער כוונה פון ריידן אויף צו להכעיס", צי עס שטימט יאָ מיט דער מיינונג פון דער רעדאַקציע אָדער ניט. „דער רעדאַקטאָר און זיינע אַרויסהעלפער... זיינען דאָך ניט מער ווי מענטשן, בשר ודם... און זייערע מיינונגען זיינען ניט מער פאַרפליכטענדיק ווי די מיינונגען פון אַנדערע מענטשן וואָס זיינען לאָגיש און באַגרינדעט... מען טאָר ניט פאַרשליסן די טיר פאַר קיינעם, וואָס קומט אין דער עפנטלעכקייט זאָגן עפּעס וואָס איז כדאי צו הערן, בלויז דערפאַר וואָס עס שטימט ניט מיט דער מיינונג פון דער רעדאַקציע, וואָס זייערע מיינונגען זיינען דאָך אויך ניט מער ווי מיינונגען פון אַ יחיד אָדער יחידים".

עס נויטיקט זיך אַן אויפקלערונג וועגן דעם אויסדריק „אָן כוונה פון ריידן אויף צו להכעיס". עס איז געווען אַ מנהג ביי די משכילים אָפּצולאַכן פון אידישע רעליגיעזע אויפפירונגען און צו שטעלן אין אַ קאָמישער ליכט דעם אַלטן אידישן שטייגער. אחד העם אַליין האָט געוואַגט צו זאָגן, אַז די אידישע רעליגיע האָט געהאַט פאַר אַ ציל אויפצוהאַלטן אידישקייט. זי איז געווען מער נאַציאָנאַל ווי רעליגיעז. ער איז דערגאַנגען צום אַפּאָריזם: „מער ווי אידן האָבן אָפּגעהיט שבת, האָט דער שבת זיי אויפגעהיט". אחד העם האָט געהאַלטן אַז מען מעג ערנסט זיך פאַרטראַכטן, וויסנשאַפטלעך אויפדעקן די צילן און באַרעכטיקונגען פאַר פאַרשיידענע רעליגיעזע גרונט־הנחות, אָבער עס דאַרף געטאָן ווערן מיט ערנסט און ניט בלויז אויף ווי צו טאָן, צו דערצערענען (לקנטר).

דאָס זוכן דערגרונטעווען זיך צום תוך און אויסמיידן בייסיקייט, צאַנ־קעריי און אָנפאַל איז געווען דער אני־מאמין, כמעט אַ רעליגיעזע נאָרמע פאַר אחד העמען. ער שרייבט, למשל, צו ראַווניצקין: „ווילסט שרייבן וועגן אונזערע יונגע דיכטער, שרייב וויפל דיין האַרץ גלוסט, אָבער איך וויל דיך בעטן, גיי אַריין אין דער טיף פון דעם ענין און באַנוגן זיך ניט מיט באַמערקונגען וואָס האָבן יאָ און ניט קיין שייכות צו דער טעמע, און אויך זאָלסטו זיך אָפּהיטן פון אַריינזאָגונגען און שטעכווערטלעך (עקיצות), ווי דיין שטייגער איז". נעמט מען אין באַטראַכט, אַז ראַווניצקי איז אין 1896 געווען



אַ גרויסע פיגור, דער רעדאַקטאָר פון די יאָר־ביכער „הפרדס", אַ צייל פון די חכמי אודיסה, ווערט ערשט קלאָר די מאָראַלע געשטאַלט פון אחד העם און דער פּרינציפּ פון בלי משא פּנים, ביי וועלכן אחד העם האָט זיך געהאַלטן.

„בלי משא פּנים" איז אַ באַגריף וואָס לאָזט זיך אין קיין שפּראַך ניט איבערזעצן. עס איז מער ווי אָביעקטיוו. עס הייסט: ניט האָבן קיין איינזען פאַר אַ שטאַרקן און דרך ארץ פאַר זיין אָנזען, פאַר דער פּאָזיציע וואָס ער פאַרנעמט. עס מיינט אויך ניט מאַכן קיין קאָמפּלימענט אַ שוואַכן אויס רחמנות אָדער איינזעעניש פאַר זיין שוואַכקייט. עס מיינט אויסטאָן זיך פון קנאה און רחמנות, פון פּניות און פריינטשאַפט און מיטגעפיל. עס איז קומען צו דער פולשטענדיקער אָביעקטיוויקייט, ווי אַ שופט צדק, וואָס שטרעבט אַרויסצוגעבן אַ גערעכטן אורטייל, אַ משפּט אמת לאמיתו. צו דער אָביעקטיוויקייט האָט אחד העם געשטרעבט ביים אָפּשאַצן אַ בוך, אַן אַרבעט, אַן אויפטו, און האָט אַוועקגעשטעלט דעם „השלח" אויף דעם פּרינציפּ.

„אומזיסט האַלסטו פאַר נויטיק צו פאַרענטפערן זיך, — שרייבט ער צו ש. בערנפעלד, — וואָס דו האָסט אַרויסגעטראָגן דיין אורטייל אָן פּניות (בלי משא פּנים). דאָס איז מיין שטרעבונג און פאַרלאַנג (זה כל ישעי וחפצי), אַז אונזער ליטעראַטור זאָל אויפהערן צו זיין אַ מין ‚משפּחה־ענין' פון דער שרייבערישער משפּחה, וואָס טראָגן אין איר אַריין זייער פּערזענלעכע שנאה, הנאה און ליבע".

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל: עס קומט אָן אַ רעצענזיע וועגן אַ בוך וואָס עס האָט אָנגעשריבן י. ה. טביוב, דעמאָלט אַן אָנפאַנגער. אחד העם בעסערט אויס די רעצענזיע און גרייט זי אָפּצוגעבן אין דרוק. אינצווישן דרוקט דער זעלבער רעצענזענט אָפּ אַן אָנפאַל אויף טביובן אין דער וואַרשעווער „הצפירה". אחד העם שיקט אָפּ צוריק די רעצענזיע צום מחבר און שרייבט אים אויסדריקלעך, היות דער רעצענזענט איז אַן אָפענער קעגנער פון טביובן קען ער די רעצענזיע ניט דרוקן און בעט אַנטשולדיקונג פאַר די רעדאַקטאָ־רישע אויסבעסערונגען וואָס ער האָט געמאַכט אין טעקסט. וואָס טוט דער מחבר? ער שרייבט איבער אויף ריין דעם מאַנוסקריפּט, נעמט אַריין אחד העמס אויסבעסערונגען און ענדערונגען און שיקט די רעצענזיע צוריק צו אחד העמען אויף דרוקן. נאַטירלעך אַז אחד העם האָט ניט געדרוקט. ער איז געווען איבעראַשט פון דעם מחברס מאַכן זיך ניט וויסנדיק פון דער מאָראַלער זייט פון דער פראַגע. עס איז געווען צווישן אחד העמען מיט איניקע פון זיינע מיטאַרבעטער אַ מאָראַלער תהום. זיי האָבן גערעדט אויף צוויי לשונות, זיי האָבן זיך פּשוט ניט פאַרשטאַנען, כאָטש זיי האָבן זיךביידע צוזאַמענגעשריבן אויף העברעאיש.

די מאָראַלע הויך פון רעדאַקטאָר האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם זשורנאַל. אַלץ וואָס עס איז געדרוקט געוואָרן האָט געטראָגן דעם שטעמפּל פון רעדאַקטאָר. אַ העפט האָט געקענט זיין בעסער אָדער ערגער, אָבער עס איז געזאָגט געוואָרן באַזאַכט, איבערגעטראַכט, אָן איבעריקע רייד. אחד העם האָט געפיילט און געשליפן אַלץ וואָס ער האָט פון וועמען עס איז אַריינגעגעבן אין נומער, אַפילו פרישמאַן, אַפילו ביאַליק. אין אַ בריוו שרייבט ער: דו זאָגסט אַז דער אַרטיקל איז אַ גוטער, אָבער דער מחבר מאַכט מיך נאָך. ווייסטו ניט וויפל איך מעק און שרייב צו, און ווי שטאַרק איך זאָל זיך ניט היטן און באַמיען אָפּהיטן יענעמס סטיל, פאַל איך דורך. אָט האָסטו גאָר געזען אין דעם נאָכמאַכעריי.

אחד העם ווי אַ רעדאַקטאָר און ווי אַ שרייבער האָט זיך געהאַלטן ביים כלל, אַז „אויב מען האָט וואָס צו זאָגן דאַרף מען דאָס זאָגן קלאָר און פאַרשטענדלעך. ווער עס רעדט מיט רמזים און סודות, פאַרפּלאָנטערט און אין אַ לשון וואָס לאָזט זיך הערן און טייטשן ווי מען וויל, איז אַ סימן אַז ער האָט ניט וואָס צו זאָגן". אַזאַ איינשטעלונג אין אַ סביבה וואו די געפליגלטע מליצה איז געווען אַן אָנערקענטער סטיל האָט געמוזט ברענגען צו צוזאַמענשטויסן און קאָנפליקטן צווישן דעם רעדאַקטאָר און זיינע מיטאַרבעטער.

צום ביישפּיל, ד. כהנא האָט אַרויסגעגעבן אַן אַרבעט וועגן גבירול. ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן „תולדות גבירול" (די געשיכטע פון גבירול). אחד העם האָט דעם נאָמען געביטן אויף „חיי גבירול" (דאָס לעבן פון גבירול). ער האָט דערקלערט פאַרוואָס ער האָט די ענדערונג געמאַכט. אַז מען שרייבט די געשיכטע פון אַ פּערזאָן, מוז מען אויך געבן אַן אָפּשאַצונג פון זיין גאַנצער אַרבעט. אַזויווי גבירול איז געווען אַ פּאָעט און אַ פילאָזאָף, איז אַז מען נעמט זיך אונטער געבן זיין געשיכטע, מוז עס כולל זיין אַן אַרומפאַסנדיקע באַנעמונג פון זיינע פּאָעטישע און פילאָזאָפישע אויפטואונגען. היות אָבער אין דער אַרבעט איז דאָס ניט געטאָן געוואָרן, ממילא קען מען דאָס ניט אָנרופן געשיכטע, נאָר ביאָגראַפיע (חיי גבירול). ניט צוזאָגן מער ווי מען גיט — איז געווען אחד העמס פּרינציפּ.

אחד העם, זוכנדיק קלאָרקייט און קורצקייט, האָט ניט זעלטן מיט זיינע אויסבעסערונגען וויי געטאָן די מחברים. דעם זעלביקן כהנא האָט ער, למשל, געטאָן אַן עוולה, לויט אונזער מיינונג, ווען ער האָט אים פאַרביטן די פראַזע „חבר אנשי רשע חורשי משחית" (אַ גרופּע ביטערע לייט וואָס האָבן געזוכט שלעכטס צו טאָן) מיטן וואָרט „הדיוטות" (אַמאַטאָרן, עם הארצים). טענהט כהנא, ווי קען מען ר"י אבן גנה, וואָס ער איז געווען אַ באַרימטער מדקדק, אָנרופן הדיוט ?! און כהנא איז גערעכט. אחד העמס טענה, נו ? און אַ רשע איז ער יאָ געווען ? — איז ניט מער ווי אַ וויץ. אחד העם האָט גוט געוואוסט אַז דער אויסדריק „אנשי רשע" מיינט ניט רשעים, נאָר עס מיינט מענטשן וואָס זוכן שלעכטס צו טאָן אויס ניט פאַרגינערייַ אָדער קנאה. מען מוז מודה זיין, אַז די פראַזע „חבר אנשי רשע חורשי משחית" איז מליצהדיק און האַמעטנע, און אַוודאי איז דאָס איינציקע וואָרט „הדיוטות" עלעגאַנטער, קירצער, שלאָגנדיקער. אָבער מען קען זיין מסופק אויב צוליב עלעגאַנץ מעג מען אויפגעבן די כוונה, די שטעלונג פון מחבר.

אָדער דער פאַל מיט קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ: ער איז געווען אַ העברעאישער פּאָעט, אַ משומד, אַ פאָטאָגראַף אין צאַרישן הויף, אַ מקורב למלכות און מען האָט געדאַרפט אָנקומען צו זיינע טובות. דער שרייבער פרידבערג האָט דורכן פאַרלאַג „אחיאסף" צוגעשיקט צום רעדאַקטאָר פון „השלח" שאַפּיראָס אַ פּאָעמע. „אחיאסף" האָט די פּאָעמע איבערגעשיקט צו אחד העמען מיט דער באַמערקונג, אַז ניט פרידבערג און ניט שאַפּיראָ ווייסן אַז מען האָט עס אים געשיקט. אחד העם האָט געענטפערט, אַז אים שמעקט ניט דער גאַנצער ענין. אים געפעלן ניט קיין מיוחסים. ער וועט דאָס ליד לאָזן ליגן אין אַ פאַרהתמעטן קאָנווערט. ער מוז קריגן דאָס רעכט אָנצונעמען אָדער אָפּצוּוואַרפן דאָס ליד, ווי אים וועט געפעלן. און אויב ער וועט אַפילו אָננעמען די פּאָעמע, וועט ער עס פאַרעפנטלעכן ערשט נאָכדעם ווי ביאַליקס פּאָעמע „המתמיד" וועט זיין פאַרענדיקט, דאָס הייסט מיט דריי, פיר העפטן שפּעטער. מען איז איינגעגאַנגען אויף אחד העמס באַדינגונגען. נאָכן איבער-



לייענען די פּאָעמע, שרייבט אחד העם: „שאַפּיראָס ליד האָב איך געלייענט... דאָס ערשטע און לעצטע קאַפּיטלען האָבן קיין שייכות ניט צום עצם פון דעם ליד און איך קען זיי ניט דרוקן. אויב שאַפּיראָ וועט מסכים זיין אָנצוהויבן פון זייט אַכט און אַראָפּנעמען דאָס לעצטע קאַפּיטל, וועל איך מאַכן פּלאַץ פאַר דער פּאָעמע. עס זיינען פאַראַן אין ליד שיינע ערטער, אָבער אויך אַ סך פּוסטע פראַזן (להג הרבה)". דאָס איז געווען אָנהויב 1898 (24-14 יאַנואַר). דאָס איז אַ פאַל פון „בלי משא פנים" אין באַצוג צו אַ שטאַרקן, צו אַ מענטשן מיט השפּעה אין צאַרישן הויף. אָבער אָט איז אַ פאַל פון ניט-נאָכגיביקייט צו אַ שוואַכן און צו אַ קראַנקן (טובערקוליאָז), און וואָס פון זיין טאַלאַנט האָט אחד העם זייער געהאַלטן, דאָס איז מ. ז. פייערבערג, דער מחבר פון „לאָן". ער האָט זיך גענויטיקט אין געלט, אחד העם האָט פאַר אים אַפילו אויסגעפּועלט אַ סובסידיע פון וויסאָצקין ער זאָל זיך קענען היילן, אָבער געדרוקט האָט ער אים לויט די פאָדערונגען פון „השלח" און ניט לויט „אַ טובה טאָן אַ קראַנקן חבר".

„עס טוט מיר לייד וואָס איך קען דיר ניט העלפן פאַר דיין קלאָגן זיך וואָס דאָס דרוקן פאַרשפּעטיקט זיך. דער מאַטעריאַל איז גרויס, די שרייבער מוזן האָבן געדולד. דו ביסט ניט דער איינציקער וואָס דו ליידסט דערפון... איך ווייס אַז אַ שרייבער איז אומאָנגענעם צו וואַרטן אַזוי לאַנג. אָבער איך קען די קרומקייט ניט אויסגלייכן, ווייל דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער לאַגע אין אונזער ליטעראַטור" (מאַי 1898). דאָס איז געווען אחד העם. ליטעראַטור איז ליטעראַטור. עס דולדעט ניט קיין אַנדערע חשבונות, קיין פרעמדע צומישונגען.

אחד העם האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן מאָראַלן חוש. „איך בין שטענדיק געווען אַ מענטש פון צוויי געשטאַלטן: אַ טייל פון מיין צייט האָב איך פאַרנומען מיט דעם הו-האַ פון עולם הזה (בהבלי העולם הזה), אָבער אַז איך בין געקומען אַהיים צו מיינע ספרים און צו מיין טיש, בין איך געוואָרן אַן אַנדער מענטש און האָב זיך אַליין באַטראַכט ווי אַ כהן גדול וואָס טוט זיין עבודה אין קדשי קדשים". דאָס געפיל פון פאַרפליכטנדיקער אָפּגעהיטקייט ווען מען קומט צו דער עפנטלעכקייט האָט עס געמאַכט, אַז אחד העם זאָל מעסטן און וועגן יעדעס וואָרט וואָס ער אַליין שרייבט און וואָס גייט דורך זיין האַנט אַלס רעדאַקטאָר. דערפאַר טאַקע האָט ער אויסגעמיטן, אַז פריינטשאַפט, געפעליקייט, נאָכגעבערישקייט, אָדער קריגערישקייט זאָלן באַווירקן זיין צוזאַמענשטעלן די שריפט. דאָס איז געווען אַן אָביעקטיווקייט אויסגעטאָן פון הבלי עולם הזה, עס איז געווען אַ טעמפּל ניט צו פאַרשוועכן.

פונדאַנען נעמט זיך וואָס אחד העם האָט אין פּריוואַטע בריוו געקענט אָנווייזן, אונטערשטרייכן און נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן די דורכפאַלן אין לידער, דערציילונגען, אָפּהאַנדלונגען און אַרבעטן פון זיינע מיטאַרבעטער, האָבן דאָס געמעגט זיין אַזעלכע איינגעשטעלטע רעפּוטאַציעס ווי ראַווניצקי, פרישמאַן, ליליענבלום, ביאַליק, אָדער אָנפאַנגער, ווי פייערבערג, יוסף קלויזנער, בערדיטשעווסקי און אַנדערע. דערפאַר אויך האָט אחד העם ניט געלאָזן אָנרירן דעם כבוד פון די שרייבער. מען מעג באַקעמפן אַ מענטשנס איינשטעלונג, זיין צוגאַנג, זיין געדאַנק, די אידייען וואָס ער פאַרשפּרייט, מען טאָר אָבער ניט אָנרירן זיין פּערזאָן. ניט מסכים זיין — יאָ, באַפאַלן אַ מענטשן — ניט! „זיי אָפּגעהיט מיטן כבוד פון מענטשן" איז ביי אחד העמען געווען אַ הויפּט-פּרינציפּ וואָס פון דעם איז ער ניט אָפּגעטראָטן.

רירנדיק ביז גאָר זיינען געווען די באַציאונגען צווישן אחד העם און מ. י. בערדיטשעווסקי. אחד העם איז געווען דער „אַלטער" און בערדיטשעווסקי דער „יונגער". אחד העם דער קלאָרער קאָפּ, לויטערער סטיל; בערדיטשעווסקי ווידער — אַ חקרן, וואָס האָט ליב געהאַט צו ריידן מיט רמזים און פאַרפּלאָנטערט. אחד העם דער מענטש פון היסטאָרישער אידישקייט, וואָס זוכט די גרונט־עלעמענטן פאַר קיום האומה. בערדיטשעווסקי — דער פאַרפלאַמטער אייראָפּייער, וואָס וויל אַריינברענגען „די אומווערטונג פון אַלע ווערטן" אין דער אידישער סביבה, דער ניטשעאַנער ביי אידן. צווישן די צוויי איז געלעגן אַ שווערע אידעאישע מחיצה. אחד העם האָט זיך באַמיט צו „באַקערן די הערצער" צו אַלץ וואָס עס איז אָריגינעל אידיש, און בערדיטשעווסקי האָט אָנגענומען דעם ניטשעאַניזם ווי ער שטייט און גייט מיטן פאַרגעטערן פיזישע קראַפט, דעם „אויבער־מענטש", די „בלאָנדע בעסטיע". בערדיטשעווסקי איז געווען דער געשוואָרענער בר פלוגתא אחד העמס, און אחד העם דער שאַרפסטער קריטיקער פון „אונזערע ניטשעאַנער" (געמיינט בערדיטשעווסקין). עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז בערדיטשעווסקי האָט געמאָלדן וועגן זיין איבעררייס מיטן „השלח". אָבער די פּערזענלעכע באַציאונגען צווישן אחד העם און בערדיטשעווסקי זיינען געבליבן פריינטלעכע, אַפילו נאָענטע. צווישן זיי איז געווען אַן אָפּטער בריוו־אויסטויש. אחד העם האָט אים אין די בריוו געשטראָפט, געזאָגט מוסר, וואָס צוליב זיין שרייבן דייטש האָט ער פאַרלאָזט העברעאיש, האָט זיך מיט אים אויסגעטענהט, אַז ווייל ער, אחד העם, איז אַן אָנהענגער פון זיין טאַלאַנט, דערפאַר האָט ער טענות צו זיין סטיל פון פאַרהוילנקייט און אומקלאָרקייט. חילוקי דעות איז איין זאַך, און פריינטשאַפט איז אַ צווייטע זאַך.

און לסוף אַ קוריאָז: אחד העם און מ. ל. ליליענבלום קריגן זיך אין דער עפנטלעכקייט וועגן חיבת ציון. ליליענבלום איז פאַר פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ ישראל, אחד העם איז פאַר וועקן דעם נאַציאָנאַלן געפיל ביים פאָלק אין גייסט פון חיבת ציון. זיצן זיי ביידע אין אָדעס, זומער, ביי אַ פענצטער און שמועסן געמיטלעך. גייט דורך אַ איד פון דער פּראָווינץ און גיט אַ זאָג: אַז מיר לייענען אייך אין „המליץ" מיינען מיר אַז איר זיינט דם שונאים, צום סוף זיינט איר גאָר גוטע פריינט! קענט איר דאָך אייערע חילוקי דעות אויסגלייכן אין דער שטיל און צווישן זיך, צוליב וואָס דאַרפט איר אונז פאַרדרייען דעם קאָפּ?

דאָס איז געווען דער דורכשניטלעכער לייענער פון יענער צייט, און אין אָט דער סביבה האָט מען גענדאַרפט רעדאַקטירן אַ שריפט וואָס זאָל זיך פאַרמעסטן מיט די „בעסטע אייראָפּעאישע זשורנאַלן" און מיטן ערנסט פון אַן אחד העם.

פינף יאָר איז אחד העם געשטאַנען ביים רודער פון „השלח". ער האָט אַרויסגערוקט אַזעלכע פּערזאָנען ווי ביאַליק, בערדיטשעווסקי, קלויזנער, פייערבערג, טאַן און ד. ג. איבער זיי האָט געטורעמט די געשטאַלט פון אחד העם — דעם רעדאַקטאָר.

וויאַזוי די מענטשן פון זיין נאָענטן קרייז האָבן זיך באַצויגן צו אחד העמען זאָגט עדות דער פאָלגנדיקער ביאַליק־פערז:

ולמיום שבט אורך, המורה, עלינו ינוח —
ראינוך כאריאל האמת וכאיתן הרוח,
נקי־דעת, צנוע וטהור בסתר כבגלוי,



בטוח באמיתו ובדעת אחרים לא־תלוי,
דורך בשבילו המיוחד, בהיר עין ותקיף,
נושא גחלתו בלבבו לפני ולפנים
ושומר הניצוץ האחרון של האלקים.

אין אַ פּראָזאַאישער איבערזעצונג:

און ווען דיין צעשטראַלטע ליכט, לערער, האָט גערוט אויף אונז —
האָבן מיר דיך געזען ווי אַ זייל פון אמת און פעלזיקן גייסט,
אַ מענטש פון געלייטערטן געדאַנק, אַ באַשיידענער און קרישטאָל־ריינער
אין זיך און אין דער עפנטלעכקייט,
זיכער אין זיין אמת און אומאָפּהענגיק פון יענעמס מיינונג,
גייט מיט זיין אייגענעם וועג מיט אַ קלאָרן און זיכערן בליק,
טראָגט דעם פייער אין דער טיפעניש פון זיין אייגן האַרץ,
און היט אָפּ דעם לעצטן געטלעכן פונק.

(חיים נחמן ביאַליק „לאחד העם", 1903)

דער קומענדיקער פּרט האָט ניט קיין דירעקטע שייכות צו אחד העם דעם רעדאַקטאָר, גיט אָבער אַ באַגריף וועגן דער מאָראַלער פּערזענלעכקייט אחד העם. אין 1902 האָט זיך אין וואַרשע געגרינדעט די געזעלשאַפט „לבנון", וואָס האָט אַרויסגעגעבן פּאָטשט־קאַרטלעך מיט בילדער פון באַרימטע אידישע פּערזענלעכקייטן, רבנים, שריפטשטעלער, פּאָעטן און געזעלשאַפטלעכע טוער. די געזעלשאַפט האָט געשריבן צו אחד העמען און געבעטן ביי אים זיין בילד. אויף דעם האָט זיי אחד העם געענטפערט:

„...בכלל בין איך ניט באַגייסטערט פאַר די נייע מנהגים וואָס פאַרשפּרייטן זיך צווישן אונז די לעצטע יאָרן וואָס שייך בילדער פון מער ווייניקער באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן. אונזער פאָלק האָט שטענדיק געערט די מענטשן וואָס זיינען אים ליב געווען, נאָר געערט האָט מען זייער גייסט, אָבער ניט זייער פיזישע געשטאַלט. דער מנהג צו פאַרשפּרייטן אין פאָלק בילדער פון באַרימטע שרייבער און טוער איז אונז געקומען פון אַנדערע פעלקער, וואָס זיינען געוואוינט צו דינען געטשן און האָבן געמאַכט אָפּגעטער פון אַלץ וואָס עס איז זיי געקומען אונטער דער האַנט. אָבער אידן האָבן ליב גייסט און ניט לייב. איך קען בשום אופן ניט פאַרשטיין, צוליב וואָס דאַרפן אידן — אַפילו די וואָס מיין שרייבן געפעלט זיי און זיינען מסכים מיט דעם וואָס איך זאָג — מיין פּנים־בילד, בפרט נאָך ווען זיי שרייבן משפּחה־בריוו, אָדער געשעפטס־אָנגעלעגנהייטן אויף אָפענע קאַרטלעך. על כן, מיינע הערן, איך קען ניט נאָכקומען אייער פאַרלאַנג און איר וועט מיר מוזן מוחל זיין".

אחד העם האָט געהאַט ביי אונז אַ מאָדנעם מזל. ער איז דערשינען ווי אַן אויסגעפורעמטער שרייבער. שוין אין 1889, אין זיין ערשטן מאמר „לא זה הדרך", איז פאַראַן דער גאַנצער אחד העם אין זיינע גרונט־טעזן, אַז פאָלק איז אַן אַלץ אַרומנעמענדיקער באַגריף ביי אידן. די יחידים קריגן זייער באַפרידיקונג דורכן וואוילזיין פון פאָלק. און פאָלק מיינט דער גייסט פון פאָלק, דאָס אַרויסברענגען דאָס גייסטיקע אייגנאַרט פון דער נאַציע.

און אַז אחד העם איז אין 1896 געוואָרן גרינדער און רעדאַקטאָר פון „השלח", איז ער באַלד געוואָרן דער מוסטער־רעדאַקטאָר וואָס האָט געזוכט דורך זיין זשורנאַל צו דערגרונטעווען זיך צו אידישער אייביקייט און צו האַלטן דעם „השלח" אויף די מאָראַלע הויכן פון אידישקייט.

יוסף רובינשטיין

# אומעטיקע לידער

## אין אַ רעגנדיקער נאַכט

אַ רעגן גייט. די גאַסן ווי קאַנאַלן אין ווענעדיק
זיי שפּיגלען אָפּ די פייערן צעגלאַנצטע אין אַספאַלט.
מיך פירט דער אומעט איצט — אָ, גאָט, זיי גוט צו מיר, זיי גנעדיק!
ער פירט אין זיין גאָנדאָלע מיך. אַ רעגן גייט און פאַלט.

די אויטאָ־רעדער גליטשן זיך ווי שלאַנגען און זיי צישען,
אַ סעמאַפאָר טריפט אָפּ מיט רויט, ווי בלוט פון פרישן שניט;
און איך אויף רעגן־סטרונעס, ווי אויף טויזנטער קלאַווישן,
זינג גאָט צו דיר דורך נאַכטיקייט אַ שבח אויס אין מיין ליד.

## אַ רעגן גייט

אַ רעגן גייט. ער קלאַפּט אין שויב. ער קלאַפּט מיט מידע טראָפּנס.
ס'איז גוט זיך איצט אַריינזעצן אין ווייכן, טיפן שטול,
זיך אָנלענען און הערן שטיל, ווי אויף דער וואַנט צוקאָפּנס
דער זייגער קלאַפּט און ס'איז די שטוב מיט ווייכער שטילקייט פול.

דער זייגער קלאַפּט. אין פענצטער קלאַפּט מיט טראָפּנס מיד דער רעגן.
דיין אומעט טראָגט זיך אין אַ בויד צו דיר זיך אויפן טראַקט.
אָט וועט ער באַלד אַריינקומען און זעצן זיך אַנטקעגן.
אין שטוב איז שטיל. דער זייגער קלאַפּט. דער רעגן קלאַפּט צום טאַקט.

## אויף אַ וויטן שטערן

עס קען דאָך זיין מיר זיינען נישט אַליין אין אוניווערז.
עס קען דאָך זיין, אַז ערגעץ אויף אַ וויטן, וויטן שטערן
זינגט אויך ווי איך אַ דיכטער אין די שורות פון אַ פערז
זיין נאַכטיק־שפּעטן אומעט אויס. מיט נישט־דערוויינטע טרערן
ער קוקט אַרויף צום הימל איצט. אין שטערנדיקער וויט
ווינקט אונדזער ערד אַ פּינטעלע. דער מילכוועג בלייכט אַ בלויער.
און ער אַריבער וויטקייטן, אַריבער רוים און צייט
זינגט אויך אין שורות פערזיקע, ווי איך, איצט אויס זיין טרויער.



משה שטאַרקמאַן

# הַאֲזִינוּ — פאַרנעמט; הַשָּׁמַיִם — איר הימלען...

אַלע אידישע שרייבערס, וואָס טראַכטן וועגן דעם גורל פון זייער שפּראַך און זיי זיינען באַזאָרגט וועגן דער צוקונפט פון איר ליטעראַטור, האָבן אַ בשותפותדיקן מאָנאָלאָג, אַן אָנגעפּיקעוועטן מיט פראַגעס: „פאַרוואָס איז אויסגעפאַלן אויף אונזער בידנע מזל צו שרייבן אויף אַ לשון װאָס זיינע קינדער קערן זיך אָפּ פון אים? צי איז דען פאַראַנען אַ טראַגישערע כוחות־פאַרשווענדונג ווי שאַפן אַ ליטעראַטור, וואָס האָט אַ באַגרענעצטן קרייז אַרום זיך? פאַרוואָס האָט די אידישע־יצירה ניט פאַרדינט, אַז זי זאָל האָבן אַ לייענערשאַפט פון אַקאַדעמיקער, פון אוניווערזיטעט־סטודענטן, ווי ס'איז דער שטייגער ביי ציוויליזירטע פעלקער?"

די אידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די לענדער פון דער דייטשער שפּראַך־ספערע, זיינען ניט געקומען אַהין מיט ליידיקן. זיי האָבן מיטגעבראַכט אַ ריזיקן וואָרט־אוצר פון לשון קודש און אַראַמיש, און געבאָרגט ווערטער פון דער נייער סביבה כדי צו באַרייכערן און צו מאַכן בייגעוודיקער די אייגענע שפּראַך. מען האָט די פרעמדע ווערטער ניט אַריינגענומען אויף אַ הפקרדיקן שטייגער, נייערט וועדליק די באַדערפענישן ביים טייטשן די הייליקע ספרים, וואָס זיינען דער יסוד און דער סוד פון אידישן קיום צווישן די אומות העולם. די שפּראַך, וואָס הייסט איצט אידיש, — טראָגנדיק דעם נאָמען פון אידישן פאָלק, — האָט במשך יאָרהונדערטערס געטראָגן דעם נאָמען „עברי־טייטש". די ערשטע העלפט פון דער באַצייכענונג האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס לשון פון די עברים איז די מאַמע פון אידיש; די צווייטע העלפט פון נאָמען האָט דערציילט, אַז די טאָכטער איז באַהאָפטן צו דער מוטער און גיט אַ באַשייד צו אירע רייד. אידיש אַנטהאַלט לשון־קודשדיקע און אַראַמישע ווערטער און ווערטלעך, ניט בלויז ככתבם וכלשונם, אַזוי ווי זיי ווערן גענוצט אין מקור, נאָר אויך זייערע באַהעפטונגען און אידיאָמען אין פולן טייטש־נוסח. די אידיש־רעדערס נוצן ניט בלויז דאָס לשון פון תלמוד און מדרש, נאָר זיי רעדן אויך מיטן ניגון פון חומש מיט רש"י, מיט דעם געזאַנג פון אַ בלאַט גמרא, מיט דער מעלאָדיע פון די אגדתאס. ווען אַ אידיש־רעדער נוצט אַזעלכע אויסדרוקן ווי: „איז געווען אַ ספק"; „ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן", אָדער „פונוואַנען איז גדרונגען?" — רעדט ער גמרא־שפּראַך אויף מאַמע־לשון. אַז אַ אידיש־רעדער גיט עמעצן „אַ דאַנק פאַר דער גוטער בשורה", אָדער ער זאָגט וועגן איינעם, אַז יענער „איז אַ שטאַרקער מיטן מויל" און אויף אַן אַנדערן, אַז „ער האָט ניט געקענט אויפהויבן דעם קאָפּ", — נוצט ער גמרא־ און מדרש־־אויסדרוקן, וואָס זיינען אַריין אין אידיש מיט דער הילף פון פירוש רש"י *).

שמע מינה — פון דעם איז גדרונגען, אַז די אידישע שפּראַך איז אויפ־געקומען און זי האָט זיך אַנטוויקלט ניט בלויז סתם צווישן אידן, נייערט

*) דעם דאָזיקן ענין האָב איך אויספירלעכער באַהאַנדלט אין צוויי באַזונדערע פאָרשונגען: 1) גמרא־יידיש, פון משה שטאַרקמאַן, יודא א. יאָפע־בוך, ייוואָ, נ"י 1958, זז. 265־268; 2) משה חזקוני: השפעת רש"י על התפתחותו של יידיש, אין זאַמלבוך רש"י, תורתו ואישיותו, נ"י תשי"ח, ע"ע 233־241.

אין דער סביבה פון אידישקייט; אַז בלויז אידישקייט איז דער קלימאַט אין וועלכן אידיש קען בליען ווי אַ לשון; אַז נאָר אין אַזאַ קלימאַט קען דאָס געשאַפענע אויף אידיש האָבן אָפּנעמערס און געניסערס.

ביכער פון פרעמדע פעלקער אָדער פון אַלטע צייטן שטודירט מען מיט דער הילף פון גלאָסאַרן; אָבער ווערק פון דעם אייגענעם פאָלק און פון דער אייגענער צייט לייענט מען אָן ווערטערבוך־פאַרטייטשונגען. אַז אײנער קומט ניט פון קיין אידישקייט־סביבה וועט ער ניט פאַרשטיין דעם וועזנט־לעכסטן טייל און ניט באַנעמען דעם גייסט פון דער אידישער שפּראַך. ס׳קען ניט געמאָלט זיין קיין גרעסערער חוזק ווי געבן פאַר אידיש־לייענערס „גלאָ־סאַרן" פאַר אַזעלכע אויסדרוקן און אידיאָמען ווי „שלאָגן זיך על חטא", „אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא", „שלאָגן כפּרות", אָדער „אַ פּסולע מזוזה", „סכך פאַר דער סוכה", „שפּרינגען קדוש", „מאַכן אַ מי שברך" און הונדערטער ענלעכע באַהעפטונגען וואָס מאַכן אידיש — אידיש...

אויב ס׳איז ביי עמעצן פאַראַנען אַ ספק צי ס׳איז טאַקע אַזוי, זאָל ער זיך באַקענען מיט דער סביבה, וואָס פון איר זיינען אַרויסגעקומען אַלע אידישע שרייבערס, — זאָל ער זיך באַקענען מיט שרייבערישע ביאָגראַפיעס און אויטאָביאָגראַפיעס, מיט אונזערע זכרונות־ווערק און טאַקע מיט די ווערק פון דער אידישער דיכטונג און בעלעטריסטיק.

די מזרח־אייראָפּעאישע סביבה, וואָס פון איר שטאַמען די אידישע שריי־בערס און לייענערס, איז געווען, וואָס איז נוגע די אידן גופא, אַ „קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט". די אידישע עדה איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון אַ גרויסן שיכט מיטלקלאַס־מענטשן. די געציילטע גרויסע סוחרים, גבירים, און די ווינציקע באַלמעלאָכעס, זיינען געווען, אין תוך, קנאַפּ „קלאַסנבאַוואוסטזיניק" און אין אידישקייט־זין זיך ניט אויסגעטיילט פון דעם גאַנצן ציבור. די לומדים, ווידער, אַפילו זיי זיינען יאָ געווען „קלאַסנבאַוואוסטזיניק" בנוגע זייער לומדות, האָבן מיט זיך בכלל ניט פאַרגעשטעלט קיין ווירטשאַפטלעכן שיכט; און צווישן חסידים פון אַ באַשטימטן רבין האָבן לגמרי ניט עקזיס־טירט קיין שיכט־גרענעצן. אין דער אַלטהיימישער סביבה האָבן קינדער, אָרעם צי רייך, באַקומען דעם זעלביקן חינוך. אַזוי ווי תורה איז ניט קיין ירושה־זאַך, האָבן אין לומדישע היימען געקענט אויסוואַקסן קינדער מיט „פאַרשטאָפּטע קעפּלעך" און פון פראָסטע היימען זיינען אָפט אַרויסגעקומען עילויים, וואָס האָבן דערנאָך געשמט אין דער אידישער וועלט.

אין דער אידישער ליטעראַטור זיינען שרייבעריש פאַרטראָטן אַלע גרו־פּירונגען, וואָס האָבן געקענט געמאָלט זיין אין דער „קלאַסנלאָזער" אידישער עדה: כלי־קודש און האַנטווערקערס; סוחרים און דאָרפסגייער; שענקערס און קלעזמאָרים; קצבים און מילך־הענדלערס, יחסנים און פּראָסטאַקעס. אַ סך אידיש־שרייבערס אין 19טן יאָרהונדערט און אין אָנהויב 20סטן יאָרהונ־דערט זיינען פּאַקטיש געווען צוויי־שפּראַכיקע, העבּרעאיש־אידישע שרייבערס. ניט ווינציק אידישע שרייבערס, וואָס זיינען געווען ליטעראַריש טעטיק אינ־גאַנצן אויף אידיש, האָבן זייערע ערשטע שרייבערישע פּרוּוון געמאַכט אויף העבּרעאיש. ווייל אין דער טיף־אידישער סביבה איז געווען נאַטירלעך „אויס־צופּרוּוון די פען" אויף דער מקור־שפּראַך פון אידישקייט. שרייבן אויף אידיש־לשון האָט געמיינט: שטעלן זיך אין דינסט פון „קלאַסנלאָזע" אידישע מאַסן, — און די אידישע ליטעראַטור האָט טאַקע לאַנגע יאָרן געטראָגן דעם נאָמען „אידישע פאָלקס־ליטעראַטור". אַ אידישע אַרבעטער־ליטעראַטור איז אויפגעקומען ערשט אין די אימיגראַציע־צענטערן, אין ענגלאַנד און אין



אַמעריקע, — אָבער זי איז געשאַפן געוואָרן פון און פאַר אַרבעטער, וואָס האָבן אַליין ניט געהאַט קיין פּראָלעטאַרישן יחוס. אין די יאָרן פון דער מאַסן־אימיגראַציע זיינען די „קעמפערישע אַרבעטער־רייען" באַשטאַנען פון טויזנטער אידן שומרי מצוות, און זיי האָבן ניט געהאַט די מינדסטע אידייִאישע שייכות צו די אינטעליגענטן און האַלב־אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך מתווכח געווען וועגן „אידישער איבערשיכטונג", וועגן „פּראָלעטאַריזאַציע" און ענלעכע „הויכע" ענינים. די פרומע „אָנגעהעריקע צו די אידישע אַרבעטער־רייען" האָבן אויפגעשטעלט שולן און בתי־מדרשים, תלמוד־תורהס און ישיבות. די אינטעליגענטן, ווידער, נאָכן אָפּוואַרפן דעם קאָסמאָפּאָליטישן ראַדיקאַליזם, האָבן אין זייער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער אידייען־פאַרווירקלעכונג אויך איינ־געשלאָסן דעם אויפשטעל פון אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער, אָדער וועלטלעכער אידישער דערציאונגס־סיסטעם.

געגרייזט האָבן די תלמוד־תורה־עסקנים, וואָס האָבן געמיינט, אַז מיט ענגליש ווי די לימודים־שפּראַך, וועט מען קענען אַריינפּאָמפּען אידישקייט אין די „אַמעריקאַנער קינדער"; געגרייזט האָבן די „וועלטלעכע", וואָס האָבן געמיינט, אַז לערנען וועגן אידן אויף אידיש, מיינט אויסלעבן זיך ווי אַ איד. פון די תלמוד־תורהס זיינען ניט אַרויסגעוואַקסן קיין לומדי תורה, און פון די אידיש־וועלטלעכע שולעס זיינען אפשר אַרויסגעוואַקסן אַביסל נאַציאָנאַל־פאַרבענקטע מענער און פרויען, אָבער זייערע אידישקייט־קענטענישן זיינען קנאַפּע און קיין לייענערס פון דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע זיינען פון זייערע רייען ניט אַרויסגעקומען. אויב ס׳זיינען פאַראַנען אויסנאַמען, — באַשטעטיקן זיי בלויז דעם כלל. צו דער וועלטלעכקייט פון דער אַמעריקאַנער סביבה מוסיף זיין אידישע וועלטלעכקייט, האָט געהאַט פּונקט אַזאַ זין ווי גיסן וואַסער אין מיסיסיפּי אַריין; ווידער אַ וועלטלעכקייט, וואָס איז געווען אַ צודעק פון אַפּיקורסות, האָט אַוודאי ניט געקענט אַרויסרופן גרויסע אידיש־און אידישקייט־געגועים דורך געבן אַ „הכשר" אויף זייטיקע פּירונגען, וואָס גראָבן אונטער אידישן קיום. חילול שבת האָט מען געזען גענוג אין גאַס און אין דער היים. צוליב דעם האָט מען ניט געדאַרפט גיין דווקא אין אַ אידיש־וועלטלעכער שול...

די איינציקע לערן־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן יאָ אַרויסגעגעבן אַמערי־קאַנער אידישע קינדער, וועלכע קענען ווי געהעריק רעדן און לייענען אידיש, — אידיש אָן אַן ענגליש־אַקצענט, — זיינען די ישיבות, וואו מען האָט געלערנט אידישקייט אויף אידיש; וואו לשון־קודש, אידישקייט און אידיש זיינען געווען אַ „חוט המשולש", אַ „דרייענדיקער פאָדים", וואָס קען ניט אויף גיך צעריסן ווערן. אָבער די תלמידים און תלמידות פון די דאָזיקע ישיבות האָט מען אַפילו ניט מרמז געווען אויף דער עקזיסטענץ פון אַ אידישער ליטעראַטור, פּונקט ווי מען האָט ניט געוואָלט זיי קירעווען צו דער העבּרעאישער ליטעראַטור, ווייל די פירערס האָבן געהאַלטן, אַז די צוויי ליטעראַטורן זיינען קוואַלן פון אַפּיקורסות. אַוודאי זיינען געווען אויסנאַמען אויך צווישן די ישיבה־לערנערס, אָבער בדרך כלל האָבן די ישיבות מיט אידיש ווי די לימודים־שפּראַך ניט צוגעשטעלט קיין לייענערס פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

אונז דאַרף אינטערעסירן דער גורל פון העבּרעאיש אין אַמעריקע ניט ווינציקער ווי דער גורל פון אידיש. איין שפּראַך שאַפט די פּאַסיקע אַטמאָ־ספערע פאַר דער אַנדערער שפּראַך, בפרט נאָך ווען מיר ווייסן פון היסטאָ־

רישער דערפאַרונג, אַז „לשון־קודש מיט עברי־טייטש" זיינען די בעסטע גאַראַנטיעס אי פאַר אידישקייט, אי פאַר ליטעראַטור ביי אידן.

די שרייבערס און דערציערס, וואָס וויטיקן־אויס די פּראָבלעמען בנוגע אידיש און אידישקייט, וועלן אפשר זיך דעררעדן צום אויפשטעל פון אַ נייער מאָדערנער אידישער דערציאונגס־סיסטעם, פון חדר־שולעס, וואָס זאָלן דער־ציען אידישקייט־אינספּירירטע און אידיש־אינספּירירטע מענער און פרויען. נאָר דורך „לשון־קודש מיט עברי־טייטש" וועלן מיר דאָס דערגרייכן. זאָל מען טאַקע דורך די פענצטער פון חדר־שולעס הערן די קלאַנגען פון חומש־לימוד, איצט מיט דער הילף פון תרגום־יהואָש. זאָלן די ווערטער פון משה רבנוס געזאַנג שאַלן אין אידישע לערן־אַנשטאַלטן פונעם אַטלאַנטיק ביז דעם פּאַסיפיק:

„האזינו — פאַרנעמט, השמים — איר הימלען, ואדברה — און איך וועל רעדן". זאָל טאַקע טריפן ווי רעגן די דאָזיקע לערן־פאָרעם, און זאָל זי זיין דער טוי, דער גוס־רעגן און דער שפּריי־רעגן, וואָס וועלן פרוכפּערדיק מאַכן די אַמעריקאַנער ערד פאַר דעם קומענדיקן אויפבלי פון די צוויי שפּראַכן, פון לשון־קודש און אידיש, וואָס אויף זיי ווערט געשאַפן די גרויסע ליטעראַטור פון אידישן פאָלק.

*

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

# לידער

## איך דאַרף נאָך ניט קיין מאַסקע אויף מיין פנים

איך דאַרף נאָך ניט קיין מאַסקע אויף מיין פנים
מיין יאוש צו פאַרשטעלן, די פאַרשעמטקייט צו פאַרקערן.
עס וועלן אותיות מיין אַנגסט דערמאָנען
און וועלן מיין געפאַלנקייט דערהויבן צו די שטערן.

איך שעם זיך ניט וואָס כ'פאַל מיט פנים אין דער בלאָטע,
ס'איז ניט מיין שולד, נאָר ס'איז אַזוי באַשערט.
איך האָב חרטה, כ'האָב טויזנט מאָל חרטה,
וואָס כ'האָב מיין פוס אַראָפּגעשטעלט אויף אונזער ערד.

כ'בין טרערן־דורשטיק און בין טרערן־זאַט,
מסתם איז מיין געלעגער איבער טרערן־קוואַלן.
כ'פאַל יעדן טאָג אַראָפּ ווי אַן אָפּגעוועלקטע בלאַט,
און ווייס ניט וואו איך וועל אַהינקומען און פאַלן.

נאָר אומגעווינלעך איז ער מיין געפלי,
ווי כ'וואָלט געפאָלגט אַ גאַנג מיין גאָט, דעם מלך.
ס'איז אַזאַ אָטעמדיקער פייערדיקער גלי,
און מעג מען אָפּלאַכן פון מיר און פון מיין הילך.



איך קען ניט ענדיקן מיין שריפט,
פונקט ווי דער הימל האָט קיין סוף ניט.
איך אָטעם איין דעם טעם פון האָניק און פון גיפט,
און מיט פאַרמאַכטע אויגן טראָג איך זיך צום סוף־ליד.

איך הער עס יאָגט מיך נאָך אַ לאַכן, אַ געשפּאָט.
כ'דערפיל דעם שניט פון אָפּגעהאַקטער זאַנג.
נאָר גראָד אָט דעמאָלט שיצט מיך גאָט,
און שיקט מיך גיין פאַר אים אַ גאַנג.

## יונה

אַפילו זיבן מאָל וועסט ענדערן דיין פורעם,
פאַרבאָרגן דיין געביין און דיין געבינד,
וועט גאָט דיך צייכענען און רופן דורכן שטורעם:
אין נינוה גיי,
און לייטער זי פון זינד.

מיט פאַרשטעלטע אויגן און פאַרמעקטן נאָמען
אַנטרינען וועסט נאָך שטילקייט און נאָך רו.
וועט גאָט דיך צייכענען און רופן פון די תהומען:
אין נינוה גיי,
און וואָס איך הייס דיר — טו.

דו וועסט דיין לשון אויסבייטן אויף אַנדערע לשונות,
און אויסבריען אין צונג אַן אַנדער שפּראַך.
וועט גאָט דיך צייכענען און זאַלבן מיט גאונות:
אין נינוה גיי,
און וואָס איך הייס דיך — מאַך.

דו וועסט אין גריבער ליגן אַ פאַרוואָרפענער מיט שטיינער,
מיט וואונד אויף לייב, מיט בראַנד און פלאָג.
וועט גאָט דיך צייכענען מיט פייער אין דיביינער:
אין נינוה גיי,
און וואָס איך הייס דיר — זאָג.

וועסטו ביי גאָט זיך בעטן אין געיאָמער:
פאַרוואָס בין איך פון דיין געבאָט דער קרוג?
איך וויל אַן עפּלבוים פאַרפלאַנצן, צי אַ תמר,
צי איז דאָס ניט גענוג פאַר יונה'ן?
פאַר גאָר פון דיין באַשאַף איז דאָס גענוג.

און ס׳ענטפערט דיר אַ שטים פון שטורעם:
פאַרגעס דיין עפּלבוים, דיין הויז און רינד,
ביסט אויסדערוויילט פאַר רחמים און יסורים,
אין ניגונה גיי,
און לייטער זי פון זינד.

## אַ רגע

די רגע איז דיינע.
גיב אַ שפּריז.
פאַרטאַפּל אַ קרייז אויף אַ קרייז.
פאַרטאַפּל אַ טאָג אויף אַ טאָג,
און אַ נאַכט אויף אַ נאַכט.
די רגע איז דיינע.
זי איז פרידן און שלאַכט.

די רגע איז דיינע.
גיב אַ בליק.
שפּאַן איבער אַ בריק נאָך אַ בריק.
שפּאַן איבער דעם קלאָג-טאָל.
די רגע איז פולער —
זי איז גאָטס וואָג-שאָל.

די רגע איז דיינע.
צי אויס די האַנט.
ביסט ביים הימלשן ראַנד.
ביסט ביים טויער פון גאָט.
די רגע איז דיינע.
זי איז אַן געוויכט.
זי האָט ניט קיין מאָס.
זי איז ליכטיק אָן ליכט.
זי איז שטילקייט —
און שפּילט.
זי איז אַנגסט און איז גליק.
זי איז אייביק
אין אַן אויגנבליק.

דו שטאַרבסט פון הונגער —
ביים הימלשן ראַנד.
דו שטאַרבסט פון דאָרשט —
ביים טויער פון גאָט.
און זאָגסט: ס׳איז גענאָד.



## ביים ווינקל פון דער וועלט

עס שטייט ביים ווינקל פון דער וועלט אַ יונגע פרוי.
זי זינגט פון מאַרגנפרי און מאַרגנטוי.

זי זינגט פון פרילינג און פון בלומען-בלי,
פון ערשטן בליאַסק פון הימל אין זיין גלי.

זי זינגט פון אָנהויב ליבע און פון אָנהויב שיין,
פון האָניק-בוים וואָס טריקנט ניט און דאַרט ניט איין.

איך קום צו איר ביינאַכט ווען שיין איז קאַרג.
איך טראָג די פינצטערקייט די גאַנצע אויף מיין קאַרק.

איך טראָג דעם זונענפאַרגאַנג פאַרלאָשן אין זיין צער.
איך שלעפּ די ביטערקייט פון אָפּגענאַרטן נאַר.

איך וואַקל זיך אויף צווייפלען פון געמיט,
צי כ׳בין געבאָרן ווען, צי אפשר קיינמאָל ניט.

צי אפשר בין איך גאָר אַ וואַנדערדיקע וואָך,
פון אָנהויב-אָן ביז סוף פון יעדער זאַך.

און שרעק איז מיין באַגלייטערין און זינלאָזע געפאַר,
ווי ס׳איז דער גורל פון דעם אָפּגענאַרטן נאַר.

און ווען איך קום פאַרשווינדט זי מיט אַ זאָג:
בלייב דו און שטיי. פאַרבייט מיך ביז פאַרטאָג.

איך בלייב. איך שטיי ביים ווינקל פון דער וועלט,
פון אַלע אָנהויבן דעם שטראַליקן געצעלט.

איך זע דעם פרילינג און דעם בלומען-בלי,
דעם ערשטן בליאַסק פון הימל אין זיין גלי.

## מיר זיינען איצט שוין ווי צוויי גרויע טויבן

מיר זיינען איצט שוין ווי צוויי גרויע טויבן,
און מיטן אויפקום פון פרימאָרגן
גייען מיר צום פענצטער ליכט זיך באָרגן
אויף דעם טאָג דעם קורצן זיך באַזאָרגן —
מיט אַ ביסל שיין.

מיר זיינען איצט שוין ווי צוויי שטילע טויבן,
און מיטן אויפגאַנג פון די שטערן
גייען מיר צום פענצטער טרייסט פאַרמערן,
אַז וועלט וועט אייביק זיין און אייביק וועט געווערן
די הימלדיקע שיין.

מיר זיינען איצט שוין ווי צוויי געטרייע טויבן,
מיר קריגן זיך אַמאָל צוליב אַ סוועטער,
דו זאָגסט — ס'איז וואַרעם, איך שריי ס'אַ קאַלטער וועטער
און איבער אונז דער שמייכל, דער פאַרגלעטער
צינדט אָן אַ יוגנטלעכע שיין.

מיר זיינען איצט שוין ווי צוויי קלוגע טויבן,
און פרייע טעג מיר לייענען דעם תהילים,
איך זאָג: עס בענקט זיך מיר נאָך טלית-תפילין,
דו זאָגסט: ביסט אַלט, מיין ליבע, אין געפילן —
און איבער אונז אַ תהילימדיקע שיין.

## אַ געפאַנגענע

כ'האָב איינגערעדט מיין מאַן
ער זאָל מיר געבן ברויט.
איצט שטיי איך אַ געפאַנגענע

אין מיינע רייד.
איך זע ער שלעפּט די וואָכן,
ווי אַ קייט,
און איך שטיי אַ געפאַנגענע
אין מיינע רייד.

כ'האָב איינגעטרויט מיין מלאך,
אַז איך זינג אַ ליד,
און איך שטיי אַ געבונדענע
אין מיין געזאַנג.
עס האָט דער מלאך מיר באַוויליקט
מיט אַ בליק-געשאַנק,
און איך שטיי אַ געבונדענע
אין מיין געזאַנג.

כ'האָב איינגעטרויט דעם הימל,
אַז איך תפילה טו,
און איך שטיי אַ געזונקענע
אין מיין געבעט.



דער הימל שיקט מיר טראָפּנווייז
זיין שמייכל און זיין גלעט,
און איך שטיי אַ געזונקענע
אין מיין געבעט.

כ'האָב איינגערעדט מיין האַרץ,
אַז כ'בין פון לאַנג שוין טויט,
און איך שטיי אַ פאַרוואונדערטע
וואָס כ'הער און זע.
עס שפּילט אין מיר אַ שטים
וואָס ענטפערט — יע, און יע, —
און איך שטיי אַ פאַרוואונדערטע
וואָס כ'הער און זע.

יאַנואַר, 1960

*

ד. זכאי

# געשטאַלטן בקיצור

(פון בוך „קצרות")

## ח. נ. ביאַליק

זיינע נעצן זיינען שטענדיק אויסגעשפּרייט פאַר אונז און מיר זיינען אין זיי געפאַנגען. דעריבער זיינען מיר דאָרשטיק זיך צו דערגרונטעווען צו דעם אָפּשטאַם פון זיינע מקורות; מיר באַמיען זיך צו באַגרייפן אין וואָס באַשטייט זיין גבורה וואָס האַלט אונז געבונדן; און מיר גריבלען זיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אפשר וועלן מיר דערגיין דערצו — — —

*

אָפטמאָל האָט ער געפורעמט זיינע רעדעס אין אַן אוראַלטן פורעם, זיך געשפּילט מיט אַלטע מטבעות — הלכה, אגדה, מצוה, תורה, שבת וכו'. דער אופן פון אויסדרוק איז געווען דער באַליבטער ביי אים. ער פלעגט זיך ווי באַהעפטן מיט די פאַרגאַנגענע דורות, גערעדט „מיטן מויל פון זיין פאָלק". אָבער, אויב מיר זיינען גראָד דעמאָלט געווען ניט אין דער געהעריקער שטי־מונג, האָט זיך אונז געדאַכט: ס'איז דרוש.

*

קיינער קען זיך ניט באַרימען: איך בין זוכה געווען אַז ביאַליק זאָל מיט מיר שמועסן. ווייל ער האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד — דעם ערשטן בעסטן וואָס ער האָט באַגעגנט, האָט ער אים גענומען אונטערן אָרעם און איז מיט אים אַוועקגעשוואומען אין אַ שמועס. ווען ער זאָל אונז אפילו יאָ לאָזן אויסריידן אַ וואָרט, וואָלטן מיר סיווי געשוויגן; זאָל ער ריידן.

*

פון אַלע שמועסן מיט אים האָב איך אַמשטאַרקסטן ליב געהאַט זיין ריידן וועגן שפּראַך (לשון). דאָס איז געווען זיין ים הגדול. ער פאַרטיפט זיך און שעפּט פון דאָרטן, טוכט אונטער און ברענגט אַרויס פּערל. דאָס איז נישט

פאַרשריבן געוואָרן, און אַז די שמועסן וועלן ניט בלייבן פאַר דורות — איז דאָס באמת אומפאַרגעבלעך.

*

ווען ער האָט גערעדט וועגן מסורת (טראַדיציע), כינוס און קאַנאָן האָט ער פאַנאַנדערגעוויקלט די דורות ווי מגילות אין די הענט. און עס האָט זיך אונז געדאַכט אַז דער כביכול אַליין רעדט אַרויס פון זיין מויל.

*

ער, דער דיכטער, האָט אָפטמאָל איבערראַשט מיט זיין ניכטערקייט, מיט זיין ראַציאָנאַליסטישקייט. ווער עס האָט אים אַמאָל געהערט ריידן וועגן די משיחישע באַוועגונגען ביי אידן, וועגן חסידות, וועגן קבלה, — האָט געוואוסט. ער האָט גערעדט כמעט ווי אַן „אפיקורס". מיטן שאַרפן מעסער פון אַנאַליז האָט ער געשניטן אין לייב אַריין.

*

ווען ער האָט געהאַלטן אַ רעדע, האָט מען געקענט זען מיט וואָס פאַראַ מאַטערניש ער דערגייט צום געהעריקן אויסדרוק, אָט שטעלט ער זיך אָפּ אינמיטן, ווי דער וועג וואָלט פאַר אים פאַרצאַמט געוואָרן, קוקט זיך אַרום אויף רעכטס און אויף לינקס ווי ער זאָל זוכן הילף — און קומט אַרויס מיט אַ וואָרט אויף רוסיש, אָדער אויף אידיש. דער צוהערער וואונדערט זיך — צוליב וואָס האָט ער זיך אַזויפיל געמיט און געטראַכט און אַרויסגעבראַכט אַ וואָרט אויף אַן אַנדער שפּראַך, אין דער צייט ווען עס זיינען דאָ ענלעכע ווערטער וואָס ער איז אַזוי באַהאָפטן מיט זיי אין העברעאיש.

*

נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר זיינען מיר איינמאָל אַ זייגער צוויי באַנאַכט צוגעקומען צו זיין הויז. געזעגענענדיק זיך מיט אים, האָב איך דערמאָנט אַז איך האָב ביי זיך אַ קליין ספרל פון ר' חיים וויטאַל וועגן אסטראָנאָמיע.

— אַזוי? איך האָב געוואוסט וועגן דעם ספרל אָבער איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען.

— גוט. וועל איך אים מאָרגן ברענגען.

— ניין, תיכף ומיד, איך גיי מיט אייך.

איך האָב אים שטאַרק אָפּגערעדט, עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט — „ניין, איצט, גלייך", און ער האָט זיך אומגעקערט און איז געגאַנגען מיט מיר אַ לאַנגן וועג און האָט גענומען דאָס ספרל וואָס ער האָט ביז איצט ניט געזען.

## דוד רמז

זיין גאַנץ לעבן איז זיכער אויסגעדריקט אין מעשים, אין טאַט. אָבער דער שורש זיינער, דער סאַמע עיקר איז — גייסט. און וואָס מער ער האָט זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן צו זיינע טואונגען און האָט זיי געטאָן מיט ליבשאַפט — אַלץ מער האָט זיך פאַרטיפט זיין גייסט וואָס האָט גענערט זיינע טואונגען.

*

ער געהערט צו די גרויסע פערזענלעכקייטן וואָס זיינען זוכה געווען מען זאָל זאָגן אויף זיי אַז זיי האָבן געפונען זייער וועג אין לעבן און האָבן קיינמאָל זייערע וועגן ניט פאַרקרימט. עס איז ניט געווען קיין פאַרלאַנג אים צו זען אַנדערש ווי ער איז געווען.



*

ער איז ניט געוואָרן קיין פּראָפעסאָר ביי אַ קאַטעדרע, קיין פאָרשער, קיין לינגוויסט, קיין יוריסט — דאָס איז דער באַווייז ווי אונזער דור האָט זיך אַרויפגעצוואונגען אויף זיינע אויסדערוויילטע; אונזער דור וואָס האָט געאַנקערט איבערהויפּט — אויף טאַט.

*

אַן אָנוואורף פון אַ ליד, אַן איבערזעצונג פון אַ באַליבטן שיר, אַ העפט מיט אויסבעסערונגען פון אַ יוגנט־אַרבעט — עדות פון שעה'ן (אָ ווי ווייניק עס זיינען געווען אַזעלכע שעה'ן!) ווען מען איז מיט זיך אַליין. אין אַזעלכע שעה'ן האָט ער אוודאי געטראַכט:

— און צי איז עס ניט מעגלעך געווען אַז מיין וועג זאָל זיין אַן אַנדערער ווי ער איז געווען?

*

אין זיין בוך (טורים) שטייען בשכנות אַ „טרוקענער" אַרטיקל מיט פּלענער און באַגרינדונגען און אַ לירישע, צאַרטע נאָטיץ.

*

ניט איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט: הלוואי וואָלט איך געהאַט אַ פּאָר רואיקע יאָר וואָלט איך אַוועק קיין ירושלים און געלערנט תורה. איך זאָג ניט אַ „לעצטע פּאָר" רואיקע יאָרן — האָט ער איינמאָל צוגעגעבן — איך ווייס אַז יעדער מענטש שטאַרבט אינמיטן דערינען — — —

*

עס איז באַקאַנט זיין צמצום אין שרייבן. ער האָט געוואוסט ווי טייער עס איז אַ וואָרט און האָט גענוצט ווערטער מיט גוואַלדיקער שפּאָרזאַמקייט. זיין גרויסע חכמה וואָס איז מיט די יאָרן פאַרטיפט געוואָרן האָט אים געבראַכט אויך צו אַ צמצום אין ריידן: נאָר דעם עיקר שבעיקר.

*

ער איז ניצול געוואָרן פון דעם שפּראַך־אוצר וואָס ברענגט ניט קיין גוטס די מדקדקים און באַנייער, זיין סטיל איז געווען לויטער, איינפאַך, ערלעך, אָט אַזוי ווי ער אַליין.

*

ווי מענטשן וואָס האָבן צוזאַמען „זיך געפּיטערט" לאַנגע יאָרן, און זיינען דורכגעגאַנגען בערך דעם זעלבן לעבנס־וועג — איז דער שמועס אונזערער געווען כמעט דורכאויס מיט רמזים (אָנווינקונגען): אַ האַלבער פּסוק, אַ שורה פון אַ גוט ליד, אַ נאָמען פון אַ פאַרערטן מענטשן — צען מאָס רייד וואָלטן ניט אויסדערציילט מער פון די האַלב־שטומע „געשפּרעכן", וואָס האָבן אויסגעשעפּט דעם סאַמע תוך פון זיין האַרץ. ער איז געווען טיפער ווי ער האָט עס געוואָלט אַרויסווייזן.

*

אַן איבערטרייבונג קען זאָגן יעדער וואָס האָט אים געקענט:

„לא גבה לבו ולא רמו עיניו" (די פאַרריסנקייט האָט אים ניט באַרירט, און די גאווה האָט זיך ניט צוגעטאָן צו זיינע אויגן).

# צו דער באַנייאונג פון דער „סביבה"

מיר באַנייען דעם זשורנאַל פאַר ליטעראַטור די „סביבה", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיבעצן יאָר צוריק אין ניו־יאָרק ווי אַ צוויי־חודש־זשורנאַל. איצט וועט די „סביבה" אַרויסגיין איינמאָל אין דריי חדשים.

פון די שרייבער, נאָענטע מיטאַרבעטער פון דער „סביבה" פון יענער צייט, פעלן איצט אַ סך, און עס פעלן אַ סך פון די לייענער. דער תחום פון אידיש האָט זיך פאַרשמעלערט. עס איז איצט שווערער אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל פאַר ליטעראַטור ווי מיט זיבעצן יאָר צוריק. אָבער ער איז איצט ניט ווייניקער נויטיק, ווייל נאָך מער ווי עס האָט זיך פאַרשמעלערט דער תחום פון אידיש — איז געפאַלן דער געמיט, און צוזאַמען דערמיט די השגות.

מען דערציילט וועגן אַ שדכן וואָס האָט געוואָלט אויספירן אַ שידוך און געפּרואווט צוריידן דעם חתן־בחור צו אַ כלה וואָס האָט געהאַט ניט קיין שיינע אויגן: „ווי גרויס איז דאָס אַן אויג?" — האָט ער געטענה'ט — „וואָס פאַר אַ חילוק איז דאָס שיינע, אָדער נישט קיין שיינע אויגן?" בנוגע צו דער אידישער ליטעראַטור גילטן איצט די השגות פון דעם שניט וואָס עס איז פאַר זיי „קיין חילוק ניט".

גראָד איצט, ווייל אונזער תחום איז שמאָל, זיינען מיר באַפוילן אָפּצוהיטן די העכערע מדרגה, און עס איז רעכט צוליב דעם די באַזונדערע אָנשטרענגונג אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישע שריפט.

מיר גלויבן — לא אלמן ישראל, און עס זיינען נאָך דאָ ביי אונז, מסתם, אַ מנין אידן וואָס פילן די נויטיקייט פון אַזאַ אויסגאַבע.

---

„סביבה" זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק

רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**

Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy

*Editor:* K. Molodowsky, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.

PRINTED IN U·S·A



# סביבה

פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

◈

די ווייזערס פון אידישן זייגער ........................ ק. מאָלאָדאָווסקי
אַ לאָדזשערין (קאָלאָקוויאַל) ........................ אהרן צייטלין
ביי די האָלעוועשקעס פון אַ דור ........................ אפרים אויערבאַך
זיבן לידער ........................ גבריאל פרייל
שידה און כוזיבה, אָדער דער טונעל (דערציילונג) ........................ יצחק באַשעווים
פאַנאַטיזם ........................ דר. ש. מאַרגאָשעס
מענדעלעס רמזים ........................ שמחה לעוו
קינדס טרויער, איובס ווייב (לידער) ........................ א. לעיעלעס
דער ערשטער טאָג (דערציילונג) ........................ דבורה באַראָן
יונגע געזאַנגען פון טויטן־טאָל, איבערזעצט פון ........................ יעקב גלאַטשטיין
וועגן סוד הצמצום ........................ מלך ראַוויטש
לידער ........................ יוסף רובינשטיין
יעקב גלאַטשטיינס „אין תוך גענומען"
(אָפּהאַנדלונג) ........................ משה שטאַרקמאַן
דאָרט וואו די צעדער...
ד אָ ר ט ו ו א ו ד י צ ע ד ע ר ...
א) יער הקדושים (לידער) ........................ אפרים אויערבאַך
ב) צפת, כאַמסין (לידער) ........................ רחל קאָרן
ג) דער שטיינהעקער פון ראשון
(קאַפּיטל פון אַ פּאָעמע) ........................ קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
יעקב גאָרדין (זכרונות) ........................ י. אדלער
דער אָפּרוף אויפן ערשטן נומער „סביבה".

◈

נומער 2

שבט, תשכ"א — פעברואַר, 1961

נ י ו ־ י אָ ר ק , נ . י .